STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01363

SHPENER

Isaac Wolf Biderman

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Joseph Meyerhoff Family Charitable Funds

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

איטשע וו. בידערמאַן

שפּענער

דראַמע אין פיר אַקטן

— פון —

איטשע וו. בידערמאַן

מיט אַ פאָרוואָרט פון

א. אַלמי

פאַרלאַג:

„טעאַטער שפּיל“

ניו יאָרק, 1924.

Copyright, 1924
by
I. W. BIDERMAN

אויספירן אָדער איבערזעצן
אָן דער ערלויבעניש פונ'ם
אויטאָר איז פאַרבאָטן.

479

פאָרוואָרט

איך וויל נישט, אז מיינע פּאָר ווערטער זאָלן באַטראַכט ווערן ווי א הסכמה. איך וויל בלויז מאַכן אייניקע באַמערקונגען צו דעם „טעאַטער־שטיק" „שפּענער", פון א. וו. בידערמאַן, וועלכער האָט פאַר מיר די זאַך פאָרגעלייענט אין מאַנוסקריפּט און זי איז מיר געפעלן — געפעלן. טראָץ די חסרונות.

און איידער איך באַריר די מעלות, וויל איך טאַקע פריער באַמערקן די פעלערן: מיר געפעלן נישט אייניקע פון די דיאַ־לאָגן, וואו עס איז פאַראַן צופיל — און אומנייטיקע — רייד.

מיר געפעלט אויך נישט דער משוגענער יחיאל, וועלכער פּלאָנטערט זיך גלאַט אונטער די פיס; דער מחבר האָט דאָ, קענ־טיק, געוואָלט באַשאַפן אַ מין סימבאָלישע פיגור, ווי עס איז די מאָדע אין געוויסע מאָדערנע דראַמען.

אָבער די דראַמע אין אַלגעמיין איז אַ קערנדיקע, פרישע, רוי, אָבער אַ רויקייט, וואָס שמעקט מיט פרישער ערד, די רוי־קייט פון פשוט'ן מענטשן, וואָס דאָס פּאַסט זיך זייער פאַר דער סביבה, וועלכע דער מחבר ברענגט אַרויס.

איך האָב די פעלערן נישט געוואָלט באַזייטיקן. זאָל דער יונגער שרייבער, — ביי וועמען „שפּענער" איז נישט די ערשטע, אָבער די געלונגענסטע זאַך, — זיי אַליין דערזען, דערפילן. פרעמ־דע הענט דאַרפן זיך נישט צורירן, וואו עס איז נאָר פאַראַן אויפריכטיקייט.

דער מחבר האָט אויך אַן אידעע, וואָס דאָס איז אַזוי זעלטן ביי אונזערע מחברים פון טעאַטער־שטיק.

די אידעע איז: די פּראָלעטאַריזירונג פון די אידישע מאַסן, דאָס איבערגיין פון לופט־פרנסות צו געזונטער פיזישער אַר־בעט.

און אין דערהאַזיקער אידעע פּלעכט זיך אַריין נאָך איינע: מיר, אידן, זאָלן קריגן „ידי עשו". איצט זענען אונזערע הענט „שפּענער". דורך פיזישער אַרבעט וועט נישט נאָר אונזער מאַ־טעריעלע לאַגע געזיכערט ווערן, נאָר אויך אונזער נאַציאָנאַלער מצב צווישן די פעלקער וועט פעסטער ווערן.

פון פאסיוויטעט צו ווידערשטאנד. פאר פויסטן האט מען מורא. צו דער אבסטראקטער גייסטיקייט דארפן מיר אויך מוס־קולן.

אידעע דארף מען נישט פארמישן מיט טענדענץ. דער מחבר האט אויפגעכאפט אן אידעע, וואס ווערט איצט רייף אין אידישן לעבן אין מזרח־אייראפע און זי פאר אונז ארויסגע־פירט דורך א רייע געשטאלטן און קאנפליקטן.

בידערמאן אליין איז אן ארבעטער און דאס מאכט אונז נאך אינטערעסאנטער צו זען ווי אזא איינער איז צוגעטראטן צו אט דעם פראבלעם.

אין די לעצטע יארן האבן מיר געזען ווי מענטשן, וואס גייען ארום מיט די שטעקלאך, שלינג און שלאנג, האבן זיך צופרעדיקט וועגן דעם איבערגאנג פון לופט־פרנסה צו מלאכה און ערד־ארבעט.

דער מחבר פון „שפענער" פרעדיקט נישט, נאר ער שיל־דערט, און די שילדערונגען זענען קרעפטיק, קלאר, און די סביבה אריגינעל אויפגעפאסט.

„שפענער" אנטהאלט סצענעס און דראמאטישן שטאף, וואס וואלטן זייער שיין און לעבעדיק ארוים אויף דער בינע, אונטער א גוטער רעזשי.

זאלן מיינע פאר ווערטער באגלייטן דאס ביכל, וואס אנט־האלט דאס פיר־אקטיקע טעאטער־שטיק, אין דער ווייטער אי־דישער וועלט אריין!

א. אלמי.

ניו יארק, דעצעמבער, 3, 1923.

ערשטער אַקט

פּאַרשױנען:

ר׳ זכריה — אַ דיין.

דאָבע — זיין ווייב.

ברכה׳לע — זייער טאָכטער (14 יאָר אַלט).

שלום יעקב — אַן אויפגעקומענער גביר.

לאה׳טשע — זיין ווייב.

דוד — זייער זון (דער ערשטער חתן).

ר׳ הערשעלע — אַ גמרא מלמד (עטלאַבע זיבעציק יאָר אַלט).

גישע — זיין ווייב.

לוי יצחק — דאַרדיקער מלמד.

שמואל — אַ שמיד.

דבורה—זיין ווייב.

אבאַ — זיין זון (דער צווייטער חתן).

נטע —

פישעל —

איציקל ליטוואק —

תנחום —

לערנער אין חסיד׳יש שטיבל.
(שפּעטער: אַרבעטער).

מאַטשעק — אַ שייגעץ.

יחיאל — שטאָט משוגענער.

מאַלקע — פרוי וואָס פרעגט אַ שאלה.

רב, רביצין, שמש, בטלנים, אידן, אידענעס,
מיידלאַך און בחורים.

האנדלונג: — אַ קליין שטעטל אין פּוילן.
צייט: — איצטיקע.

ערשטער אַקט

ערשטע סצענע

ביים דיין אין הויז. רעכטס א טיר אין גאַס. נידע־ריקער אַ באַנק־בעטל מיט אַ קישן. אין הינטערגרונט: ספרים. אַ פענסטער. אַ שטענדער, אַנ'אייזערן אייוועלע מיט ברייטע ריירן, וואָס ציען זיך ווי אַ שלאַנג און פאַרשווינדן אין דער וואַנט—רעכטס. קעגנאיבער דאָס באַנק־בעטל, לינקס, ביים וואַנט אַ לאַנגער טיש, בענק, אַ פענסטער, אַ שטענדער, אַ טיר.

אויף די ווענט הענגען בילדער פון „גוטע־אידן" און אַ „מזרח". ברכה'לע זיצט ביים טיש און נייט אויס אַ טלית־זאַק, זינגט אָן ווערטער. דאָבע שיילט קאַרטאָפלעס. ר' זכריה שטייט ביי די ספרים פּאָליצעס און קוקט אַריין אין אַ ספר.

ד אָ ב ע : — שוין גענוג געגריבלט זיך די אויגן ברכה'לע. מאָרגען, אַז גאָט וועט געבן געזונט, וועסטו דעם טלית־זאַק ענ־דיקן.

ב ר כ ה ' ל ע : — שוין, שוין, מאַמעשו. נאָך אַ פּאָר שטעך און דער לייב וואָס האַלט אונטער די לוחות וועט זיין פאַרטיק. ווייסטו וואָס מאַמעשי? צייל אָפּ ביז צוואַנציק וועל איך זיין פאַרטיק . . .

ד אָ ב ע — וועסט אַזוי אויך ב"ה פאַרטיק ווערן. האָסט קיין „עין־הרע" נישט גאָלדענע הענטלאַך. געלויבט דער אויבערשטער.

ב ר כ ה ' ל ע : — (בעט זיך) צייל מאַמעשי ביז פופצן . . . ביז פופצן בלויז . . . איך האָב אינגאַנצן אַכט שטעך נאָך צו מאַכן. איך וויל זען ווער פון אונז וועט פריער פאַרטיק ווערן.

ד אָ ב ע : — אַי, קינד, קינד . . . ביסט שוין אַ כלה מיידל און ס'ליגט דיר נאָך אַלץ אין זינען זיך צו שפּילן. (הערט אויף שיילן, ציילט שנעל) איינס, צוויי, דריי, פיר . . . —

ב ר כ ה ' ל ע : — אָ, אָ, מאַמעשי! נישט אַזוי גיך . . .

ד אָ ב ע : — (שמייכלט) וואָס־זשע האָסטו געוואָלט קינד, איך זאָל ציילן (זאָגט לאַנגזאַם) א־י־י־נ־ס, צצ־ווויי . . . (שמייכלט).

ב ר כ ה ' ל ע : — נישט אַזוי געלאַסן, נאָר אַזוי ווי מען ציילט געוויינטלאַך. (באַלד) נו, נו, דאַרפסט שוין נישט, איך

בין שוין פאַרטיק. (גייט צו צו דאָבע׳ן) נו, ווי געפעלט דיר עס, מאַמעשי? (ווייזט דאָס).

דאָבע: — (נעמט איר אָרום און קושט איר). ס׳איז שיין, קינד מיינס, זייער שיין, זאָל דיין מזל ב״ה אַזוי שיין זיין.

ברכה׳לע: — (לייגט אַוועק דאָס טלית־זעקל אויפ׳ן טיש) לאָמיר, מאַמעשי, שיילן די קאַרטאָפליעס.

דאָבע: — מען דאַרף נישט ברכה׳לע, רו דיך אָפּ, קינד מיינס. דו העפסט שוין אַזוי אפשר צוויי שעה. (מען קלאַפּט אין טיר). קומט אַריין. (ר׳ הערשעלע, אַ קליין, דאַר אידל, אַ פריילאַכס, קומט אַריין).

ר׳ הערשעלע: — אַ גוט מאָרגן דיר זכריה און דיר דאָבע.

דאָבע: — אַ גוט יאָר.

ר׳ הערשעלע — און וואָס מאַכט איר, צום ביישפּיל?

ר׳ זכריה: — אַ גוט מאָרגן, ר׳ הערשעלע, אַ גוט יאָר. איר וועט מיר מוחל זיין אַ פּאָר מינוט.

ר הערשעלע: — אודאי, אודאי. (דערזעט ברכה׳ן). אַ, ברכה׳לע! אַ גוט מאָרגן, וואָס מאַכסטו כלה מיידל? (גיט איר אַ קניפּ אין באַק).

ברכה׳לע: — (פאַרשעמט) גוט יאָר... אַ דאַנק פאַר׳ן נאָכפרעגן. (ר׳ הערשעלע דערזעט דעם טלית־זאַק, באַטראַכט עס).

ר׳ הערשעלע: — אַי, ווי שיין! (גלעט איר קאָפּ). צום ביישפּיל, פאַר׳ן חתן, האַ? פאַר דוד׳לן? (ברכה׳לע פאַרשעמט זיך, לויפט אַרויס).

דאָבע: — שעמט זיך.

ר׳ הערשעלע: — אַ יונג ציגל...

דאָבע: — וואָס מאַכט עפּעס גישע?

ר׳ הערשעלע: — מע... ווי אַלע אַלטע אידענעס. טוט צדקה, צום ביישפּיל, און חלומ׳ט אַלץ פונ׳ם לויתן, מיט׳ן, מיט׳ן... שור־הבר, כי־כי...

ר׳ זכריה: — (לייגט אַוועק דעם ספר) יאָ, יאָ... נו, ר׳ הערשעלע, נאָט אייך שלום.

ר׳ הערשעלע: — שלום, שלום, לרחוק ולקרוב... (גיבן זיך שלום).

ר׳ זכריה: — און קיין נייעס איז נאָך אַלץ נישטאָ! מיר זענען נאָך אַלץ די אייביקע שוואָם און זאַפּן אין זיך אַריין

נאָר צרות און צרות...

ר׳ הערשעלע: — (רעט מיט אַ קוויטש) נו, ס׳אַ גוטע זאַך, צום ביישפּיל, זכריה, וואָס פון צייט צו צייט שיקט אונז נאָך גאָט צו אַ זון... אַ זון, צום ביישפּיל, וואָס טריקנט אונז, די אייביקע שוואָם אויס אַ ביסל... און מיר האָבן ווייטער פּלאַץ אין זיך אריינצוזאַפּן נייע צרות... נו, וואָס־זשע זכריה, מען שלאָגט שוין ווייטער אידן?!

ר׳ זכריה: — אַ שאלה... מען האָט שוין דען אויפ־געהערט, ר׳ הערשעלע?

דאָבע: — אין שעדליץ געוועזן אַ פּאָגראָם... אין זשי־טאָמיר... אין...

ר׳ זכריה: — ווערסט נישט קענען אויסרעכענען, דאָבע. נייע און נייע פּאָגראָמען אויף אונז אידן קומען פאָר אין הונ־דערטער, הונדערטער שטעט, אין פילע מדינות. ס׳האָט שוין אפילו דערגרייכט צו די דייטשעשע מדינה...

ר׳ הערשעלע: — ס׳איז זייער, זייער שלעכט... צום ביישפּיל... אם — משיח׳ס צייטן... משיח׳ס — כולו־חיב... צום —

דאָבע: — (אין די רייד) אָבער גאָט וועט דאָך מוזן העלפן. זיי וועלן אָנהייבן צו פאַרשטיין, אַז מיר זיינען אויך מענטשן...

ר׳ זכריה: — נאַראָנים! נאַראָנים! שריי איך זענען מיר... אַז מיר וועלן האָפן און וואַרטן ביז „יענע" וועלן פאַר־שטיין, אַז „מיר" זענען אויך, „אויך" מענטשן, וועלן מיר צו לאַנג דאַרפן וואַרטן!... (סאַרקאַסטיש) „זיי"!... זיי פירן זיך דאָך אויף אַזוי מענטשלאַך, אַזוי מענטשלאַך!... בע־בע־בע... און „מיר", מיר וואָס טשעפּן נישט קיין פליג אויף דער וואַנט וואָס קענען נישט קוקן אויף אַנאייגעשניטענעם פינגער, זענען מיר אויך מענטשן... עד, נאַראָנים! נאַראָנים!... שריי איך זענען מיר! ווייסן דען מיר נישט. אַז די שטאַרקערע חיה עסט אַלע מאָל אויף די שוואַכערע? דער מענטש, די קרוין פון גאָט׳ס באַשעפענישן, זיין אויג באָדט זיך דאָך אין תאוות ווי אַ זאַמדל אין גרויסן ים... דאָס האַרץ זיינס, דאָס זינדיקע האַרץ ביים מענטשן גלוסט צו אַלץ, צו אַלע תאוות וואָס ס׳אויג דערזעט נאָר. און ס׳אויג, ס׳אויג זעט דאָך אַזוי פיל... דער זינדיקער מענטש איז בייזער און ווילדער נאָך פאַר דער חיה... עס וועט

דער ווילדער לייב אָדער טיגער, נישט צערייסן זיין ברודער לייב אָדער טיגער צוליב אַ ווייב... אָדער גוטן ביסן... דער מענטש אָבער, שלעפּט די קישקעס פון זיין ברודער'ס בויך אַרויס, שניידט די ברוסטן פון זיין שוועסטער, ווי ער וואָלט די פּעטע ווייכע זאַנגען פון זיין פעלד געשניטן... (דאָבע ווישט זיך די טרערן. ר' הערשעלע שטייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. פון ווייטנס קומט אַ געזאַנג און אַ שפּילן פון אַ האַרמאָניקע, פון שכור'ן גוים וואָס גייען פון שענק).

ר' הערשעלע: — צום, צום ביישפּיל... וואָס קענען מיר זיך העלפן?

דאָבע: — (זיפצט) ווייי, וויי, גאָט האָט פאַרגעסן אין אונז...

ר' זכריה: — ניין. גאָט האָט נישט פאַרגעסן אין אונז! מיר מוזן עפּעס טאָן און ער וועט אונז העלפן... גאָלדענע ווערטער האָט גערעט דער פרעמדער מגיד, גאָלדענע ווערטער... „ווייגען וועט נישט העלפן אידן, מיר מוזן ווערן ווי אין דער נשמה, אויך אין גוף שטאַרק!"... ריכטיק, ריכטיק! גאָלדענע ווערטער!... אונזער גוף מוז ווערן שטאַרק אַזוי ווי אונזער נשמה... (דאָס געזאַנג פון די שכור'ע גוים און דאָס שפּילן קומט נעענטער. מען זעט זיי דורכגיין. אַלע געזונטע, פריילאַכע. שפּעטן אָפּ פון די פאַרבייגייענדע דערשראָקענע אידן. איינער שרייט פרעך אַריין אין פענסטער: „אַ טאַטעלע, אַ מאַמעלע, אַ כאַפּ!"... עס פאָלגט נאָך אַ זאַרגלאָז געלעכטער. פאַרשווינדן).

דאָבע: — טפו; צו זייערע קעפּ זאָל עס אויסגיין, רבונו דעלמא כולא, וואָס פאַר אַ יום־טוב איז היינט ביי זיי?

ר' זכריה: — אַז דער גוף איז אַ שטאַרקער איז במילא יום־טוב... איז מען פריילאַך, טאַנצט מען און מען שפּילט מוזיק אין די גאַסן. אַך... האָט איר באַמערקט דאָס פרעכע לאַכן פון די ערלים, וואָס האָבן אַריינגעקוקט? האָט איר געזען דעם אויסדרוק פון זייערע פּנים'ער? אַזוי קוקט אַ האַר אויף זיין קנעכט... אַ בעל־הבית אויף זיין הונט...

ר' הערשעלע: — כ'מיין... עה... אביסל גערעכט, צום ביישפּיל, וועגן דעם, אַז מיר דאַרפן ווערן שטאַרק אין גוף — איז ער געווען... ער האָט קלוג און שטאַרק גערעט. כוואָלט אַ בעלן געווען אים צו זען און זיך גוט מיט אים דורכשמועסן וועגן דעם ענין.

ר׳ זכריה: — שטעלט אייך פאר, ר׳ הערשעלע, אז איך האב שוין דערפון געטראכט באלד דארט, ביים גרויסן בית־המדרש. אבער באלד נאך דער דרשה האט ער געזאגט, אז ער האט קיין צייט נישט, אידןווארטן אויף אים אין אנדערע שטעט און איז נעלם געווארן.

ר׳ הערשעלע: — קיינער ווייסט נישט ווער דער מגיד איז, פון וואנען ער איז געקומען און וואו ער איז אוועק... ווער קען עס זיין ...

דאבע: — אפשר א באהאלטענער צדיק? אפשר, א...—

ר׳ זכריה: — איך ווייס נישט ווער ער איז געווען... אבער זיינע רעיונות לאזן מיך נישט רוען .. זיינע ווערטער שטייען פאר מיינע אויגן ווי לעבעדיקע באשעפענישן און שרייען אין מיין אינגעווייד: שטארקער אין גוף מוזן מיר ווערן! שטארקער אין גוף...

ר׳ הערשעלע: — אידן זענען שוין געווען אמאל שטארק אין גוף, איז זיי טאקע גוט און וואויל געווען. עס קומט מיר, צום ביישפיל, אויפ׳ן זינען די מכבים... מתתיהו כהן־גדול... זיין זון יהודה... אי. וואלטן מיר איצט געדארפט האבן אזעלכע אידן!

דאבע: — (ווי פאר זיך) און שמשון הגבור... און בר־כוכבא... און... — (עס הערט זיך א קלאפ אין טיר) „קומט אריין!“ (לוי־יצחק, א שטארק געבויטער מאן פון א יאר 35. זיין פנים און קאפ איז באנדאזשירט, אז מען קען אים קוים דערקענען).

לוי יצחק: — (רעט זינגנדיק) א גוט מארגן אייך, ר׳ זכריה און אייך דאבע. (קוקט זיך ארום און זעט ר׳ הערשעלע׳ן) און א גוט מארגן אייך, ר׳ הערשעלע! (גיט די מענער שלום. ר׳ זכריה׳ס פנים לויפט דורך א שמייכל. דאבע לייגט אוועק דאס שיילן און קוקט אויפ׳ן אידן. ר׳ הערשעלע טוט אן די ברילן און באטראכט לוי יצחק׳ן פון אלע זייטן און קען אים נישט דערקענען).

ר׳ הערשעלע: — א קול, קול יעקב... דאס קול איז פון א איד, און דער אויסזען, צום ביישפיל (באטראכט די באנדאזש) איז אויך א גאנץ אידישלאכער... און, וואס דען? (באטראכט אים אלץ) ס׳קען זיין, אז איך האב אייך שוין לאנג נישט געזען און דערקען אייך פשוט ניט. מה שמך, צום ביי־שפיל?...

לוי יצחק: — איך בין געשטאַנען לעבן אייך, נעכטן אין גרויסן בית־המדרש, ווען דער מגיד — ר׳ הערשעלע — האָט געזאָגט.

ר׳ זכריה: — (שמייכלט) דאָס איז דאָך לוי יצחק, דער דאַרדיקער מלמד!...

דאָבע: — טפו צו מיינע שונאים׳ס קעפּ, ווער האָט אייך אַזוי צע׳הרג׳עט?

ר׳ הערשעלע: — צום ביישפּיל, ווער? ווען? און פאַר וואָס?

לוי יצחק: — וועגן דעם טאַקע בין איך געקומען אַהער. איך בין געקומען באַדאַנקען ר׳ זכריה׳ן, וואָס ער האָט מיר מיין לעבן געראַטעוועט.

ר׳ זכריה: — עט...

דאָבע און ר׳ הערשעלע: — (פאַרוואונדערט) זכריה?!...

ר׳ זכריה: — שטותים...

דאָבע: — וואָס אַזוינס?

לוי יצחק: — ווייסט איר נאָך גאָרנישט?

בידע: — פון וואָס?

לוי יצחק: — איך בין געגאַנגען נעכטן ביי־נאַכט אַ היים פון׳ם בית־המדרש. איך קום אין הינטער געסל, ערשט עס לויפט מיר אַנטקעגן דער רוצח יאַנוש. איז טויט שכור. כאַפּט מיך אָן ביי די לאַצן און שרייט מיר אַריין אין פּנים, פאַר וואָס איך האָב דער׳הרג׳עט ס׳יוזל... איך האָב זיך געריסן, געוואָלט אַנטלויפן, לאָזט ער אָבער נישט, עשיו. פאַר וואָס האָסטו דער׳הרג׳עט אונזער גאָט!! — שרייט ער נאָך העכער. ס׳פּנים זיינס ווערט אָנגעגאָסן מיט בלוט. „זשיט זלאַדזשי"... שרייט ער. „זשיט פאַרכאַטי..." און שלאָגט מיך איבער׳ן פּנים, איבער׳ן קאָפּ, וואו ער טרעפט און פּלוצלינג פאַלט אים איין גאָר עפּעס אַנדערש און ער שלאָגט מיך דערפאַר, ווייל איך שלאָג אים נישט צוריק...

ר׳ הערשעלע: — נו, טאַקע, צום ביישפּיל...

לוי יצחק: — גיי הייב זיך אָן מיט עשיו׳ן, אַז דאָס גיהנום־פייער ברענט אין זיינע אויגן. שרייען לאָזט ער מיך נישט, ער וועט מיך טויטן, זאָגט ער, אַז כ׳וועל שרייען. שווייג איך אין אָנהויב. עשיו, זאָל אים אָפּגיין דער כעס, אַ נעכטיקער

טאָג. פּאַרקערט, ער ווערט אַלץ מער אָנגעצונדן און שרייט: פּאַר וואָס ווערסטו זיך נישט, פּוילער זשיד, זשיד פּאַרך, זלאַ־דזשי, שווינדלער, שאַכער־מאַכער!... (ציט אָפּ דעם אָטעם). עס איז אים משמעות נמאס געוואָרן דאָס טרוקענע שלאָגן און ער האָט מיך אָנגעהויבן וואַרגען. דאָ איז אָנגעקומען ר׳ זכריה.

ד אָ ב ע: — האָט ער דיך אָפּגעלאָזט, און —

ל ו י י צ ח ק: — ווייס איך וואָס! ער וואַרגט מיך נאָך אַלץ. איך קען שוין נישט כאַפּן דעם אָטעם. לויפט צו ר׳ זכריה, הויבט אָן שרייען, לאָזט ער מיך אָפּ און וויל זיך וואַרפן אויף ר׳ זכריה׳ן —

ב י י ד ע: — (אין איין אָטעם) נו, האָט ער אים אויך גע־נומען שלאָגן?!...

ל ו י י צ ח ק: — לאו דווקא!... ר׳ זכריה האָט אויפגע־הויבן זיין שטעקן און אים אָנגעהויבן דערלאַנגען. (לאַכט) כע־כע־כע... ער האָט זיך אָנגעהויבן צלמן און גערופן ס׳יויזל צו הילף... און ס׳יויזל האָט דאָך אים געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנ־קעס, האָט ער געוואָלט אַנטלויפן, האָט אים ר׳ זכריה צוריקגע־האַלטן, אים אָנגעזידלט, געזאָגט, אַז אידן וועלן צוריקשלאָגן... און אים אָנגעשראָקן, אַז אויב מען וועט אים נאָך אַמאָל כאַפּן שלאָגן אַ אידן, וועט ער אים דער׳הרג׳ענען אויף טויט... כע־כע־כע... ר׳ זכריה האָט אים אָפּגעלאָזט און דער עשיו איז אַנטלאָפן שרייענדיק און צלמ׳ענדיק זיך: „באָזשי מאָי!... באָזשי מאָי!...‟ (בייט דעם טאָן) איך בין געקומען איצטער אייך צו באַדאַנקען, ר׳ זכריה.

ר׳ ז כ ר י ה: — נישטאָ פאַרוואָס (צו די איבעריקע) עפּעס נסים איז מיט אונז געשען דאָרטן. אַ גוי אַ ריז! האָט זיך הפּנים דערשראָקן פאַר מיין באָרד... כע־כע־כע!... עך, (באַלד שטאַר־קער) איך וועל אייך זאָגן פאַר וואָס ער האָט זיך דערשראָקן. ער איז נישט געוואוינט, אַז אַ איד זאָל צוריקשלאָגן!... יאָ, ער שלאָגט און דער׳הרג׳עט שיעור צום טויט אַזאַ געזונטן איד (ווייזט אויף לוי יצחק׳ן) און יענער ליגט ווי אַ שעפּס און לאָזט זיך שלאָגן... און פּלוצלונג, אַן אַלטער איד, אַן איינגע־דאַרטער, און האָט נישט מורא, און דערלאַנגט גאָר מיט׳ן שטעקן... כע־כע־כע... איר האָט באַדאַרפט זען זיין פּנים. ער איז בײדע: אי פאַרוואונדערט, אי איבערגעשראָקן געוואָרן.

ד אָ ב ע: — ווי נעמט מען עס אָבער אַזאַ ריזיקע? וואָרום

האָט איר נישט געמאַכט קיין געוואַלט? ער האָט דאָך אייךביידן געקענט — חלילה — דער׳הרג׳ענען...

ר׳ הערשעלע: — (שאָקלט מיט׳ן קאָפּ צו זכריה׳ן) טאַקע, צום ביישפּיל, ווי מאַכט מען נישט קיין געוואַלט?...

ר׳ זכריה: — דאָס וואָלט חלילה געקענט ברענגען צו אַן אומגליק. שטעלט אייך פאָר, מיר שרייען און עס לויפן נאָך אַן אידן און שלאָגן דעם פּויער, נאָכדעם לאָזן די פּויעדים אַרויס אַ קלאַנג, אַז אידן זיינען באַפאַלן אַ גוי אין אַ אידיש הינטער־געסל און אים צעשלאָגן אָדער גאָר דער׳הרג׳עט. שטעלט אייך פאָר וואָס פאַר אַן אומגליק עס וואָלט געקענט אַרויסקומען דער־פון... (בייט דעם טאָן). אַזוי האָב איך אים אָנגעשראָקן און מיט׳ן שטעקן טאַקע גוט אָנגעבראָכן די ביינער און זאָל ער אויך פילן דעם טעם פון אַ געשלאָגענעם. ער וועט זיך שעמען אויסצוזאָגן, אַז איך, דער אויסגעדאַרטער און אַלטער זכריה, האָב אים — יאַנוש׳ען — געבראָכן די ביינער... נאָר אַ גליק אַ גרויס איז עס, וואָס איך בין גראָד פאַרבייגעגאַנגען און דיך — אַ מענטשן, געראַטעוועט פון טויט.

לוי יצחק — אַ אידן, אַ טאַטן פון קליינע קינדער, פון אַ זיכערן טויט.

ר׳ הערשעלע: — (צופרידן) אַזוי, אַזוי... עס דאַרף אַזוי, צום ביישפּיל, זיין. נישט גראָד פאַר אַ איד, אַ מענטש דאַרף זיך אַלע מאָל אָננעמען פאַר דער גערעכטער זייט... האָט דען נישט משה־רבינו דערשלאָגן אַ מצרי און אים באַהאַלטן אין זאַמד, דערפאַר, צום ביישפּיל, וואָס יענער האָט געשלאָגן אַ אידן, גלאַט אַזוי, אָן אַ פאַרוואָס?...

דאָבע: — און איך זיץ שווין און ציטער, עס זאָל זיך נישט חלילה דעם גוי פאַרגלוסטן זיך צו קומען אויסשלאָגן...

לוי יצחק: — דאָס וועט דער עשיו נישט טאָן. ראשית, האָט אים ר׳ זכריה גוט דערלאַנגט און והשנית, האָט ער זיך זייער דערשראָקן פאַר ר׳ זכריה׳ס אויסזען... ער האָט געהאַלטן אין איין שרייען און רופן „ס׳יויזל מיט די מוטער״ זיי זאָלן אים אויסהיטן פונ׳ם הייליקן אידן... יאָ, דאָס דאַרפט איר, דאָבע, נישט זאָרגען... (באַלד) נו, איך גיי, געלאָזט ס׳חדר אויף הפקר. נו, אַ שיינעם יישר כוח, ר׳ זכריה, נאָך אַ מאָל. וועל איך, הייסט עס, שבת איה״ש, בענטשן גומל. מנע... אַ גוטן טאָג, אַ גוטן טאָג.

אַ ל ע : — אַ גוטן טאָג. אַ גוט יאָר, (לוי יצחק אָפּ).

ר׳ ה ע ר ש ע ל ע : — נו, נו, הייסט עס, צום בײַשפּיל, אַז אַזאַ יונג, איז ער געלעגן ווי אַ שעפּס. כ׳פאַרשטיי, כ׳פאַרשטיי!... און דו, זכריה דיין, דער גרויסער גבור, האָסט זיך אָנגענומען פאַר אים. קכע־קכע־קכע — ניע!... ניע!...

ד אָ ב ע: — זיין לעבן האָט ביי אים קיין ווערט נישט.

ר׳ ז כ ר י ה : — וואָס רעטסטו דאָבע, איך וועל דאָך נישט פאַרבייגיין און זען ווי מען שלאָגט אַ אידן און זיך נישט אָננעמען פאַר אים? איך ווייס אַ כלל, אַז אַ גוי שלאָגט אַ אידן, איז דער איד אימער דער גערעכטער... (נעמט אַ שמעק טאַבאַק און גיט אויך ר׳ הערשעל׳ן. ביידע זעצן זיך).

ר׳ ה ע ר ש ע ל ע : — מסירת־נפש, אם... עה... צום־צום (ניסט) בײַשפּיל, אַ גרויסע מצוה, דאָבע... מסירת נפש, צו... צו... (ניסט) צו ראַטעווען אַ מענטשן און נאָך אַ אידן דערצו, איז דיר נישט אַ קלייניקייט! (נעמט נאָך אַ שמעק טאַבאַק) אָבער פאַר אַזאַ אידן זעסטו, ווי לוי יצחק, (ניסט), וואָס איז געזונט ווי אַ ריז און אַז ער ליגט און לאָזט זיך אַזוי שלאָגן, זעסטו, ווייס איך נישט צו ס׳איז אַזוי וויכטיק דער מסירת־נפש, און נאָך דיין נפש!

ר׳ ז כ ר י ה : — מיין נפש צו יענעמ׳ס נפש. איך פיל זיך גליקלאַך, וואָס איך האָב דאָס געקענט באַווייזן... וואָס אין צייט פון סכנה האָב איך זיך נישט פאַרלוירן חלילה, און וועלן ראַטעווען מיין אייגענעם גוף... אַ איד איז אַ איד און אַ מענטש! אַוודאי, ווען ער וואָלט נישט געווען קיין מלמד, נאָר לאָמיר זאָגן, אַן אַרבעטער, ווי דער מגיד האָט געזאָגט... וואָלט ער געהאַט צוויי אויסגעאַרבעטע הענט, נישט קיין ווייכע ווי פּוך... אָדער אויסגעדאַרטע צוויי „שפּענער“ ווי דער משוגע־נער יחיאל רופט זיינע הענט. זיי וואָלטן געווען שטאַרק און שאַרף ווי שטאָל. דער גוי וואָלט געוואוסט פון זיי און וואָלט זיך נישט אַזוי אָפּט אונטערגעשטעלט זיי צו פילן, אָבער אַזוי?...

ר׳ ה ע ר ש ע ל ע : — ביזט גערעכט, זכריה. אַ איד איז אַ איד, איז אַ מענטש... צום בײַשפּיל?... דעם אמת געזאָגט בין איך נאָך גאָר נישט קלאָר אינ׳ם ענין מכוח געזונט־קייט... אָט ווען אַלע אידן וועלן ווערן אַזוי שטאַרק ווי לוי יצחק און וואָס וועט דאַן זיין, אַז מיר וועלן אַזוי ווי לוי יצחק ליגן און זיך לאָזן שלאָגן?...

ר׳ זכריה: — אָט־אָ־דאָ ליגט דאָך די גרויסקייט פונ׳ם מגיד... אז אַלע אידן וועלן ווערן אַרבעטער, בעל־מלאכות, קאָוואַליעס, סטאָליאַרעס, אַרבעטער אויף די פעלדער, וועלן מיר ווערן: אי געזונט אין גוף און אי מיר וועלן האָבן אַ באָדן אונטער אונזערע פיס, קריגן בטחון אין זיך... מיר וועלן וויסן, אַז מיר לעבן נישט פונ׳ם ווינט. דרייען זיך נישט אַרום די פורן אין מאַרק מיט די שטעקלאַך אין די הענט, צען אידן אַרום איין גוי און יענער זאָל שרייען, אַז מען וויל אים אָפּ־נאַרן אָדער אַז מען נאַרט אים אָפּ... און אפשר נאַרן מיר אים טאַקע אָפּ?... דער פויער מאַכט זיכער נישט פון זיין סחורה אַזוי פיל וויפיל דער סוחר, כאָטש יענער אַרבעט שווער, און דער דרייט זיך אַרום מיט׳ן שטעקל... מיר האָבן נישט קיין באָדן אונטער אונזערע פיס און דאָס איז די צרה... מיר זיינען נישט זיכער... ווי די מייז ציטערן מיר פאַר׳ן קלענסטן גע־רויש. און אפילו, אַז מיר וואָלטן ווערן אַזוי געזונט ווי לוי יצחק, טויג עס אויך נישט. דאָס איז אַן אָנגעגאָסן, אַ פויל געזונטקייט, אַ געזונטקייט וואָס שוואַכט אונז אָפּ, מאַכט אונז שלעפּערדיק און מיד, ווייל דאָס געזונטקייט וואָס קומט פונ׳ם רויך, פון אַן אַ באָדן אונטער די פיס, איז קיין געזונטקייט נישט...

אָבער דער בעל־מלאכה ביים וואַרשטאַט, דער קאָוואַל ביים פייער און דער פויער אויפ׳ן פעלד, זייער געזונטקייט קומט נישט פון דער לופטן. זייער געזונטקייט שמידן זיי זיך אויס ביים פייער, ביים וואַרשטאַט, אויפ׳ן פעלד!... (קורצע פויזע). זיי — איר פאַרשטייט דאָך, ר׳ הערשעלע — זיי האָבן אַ באָדן, קענען זיי זאָגן: איך בין געוועזן נעכטן און וועל גיין היינט און מאָרגען צו מיין וואַרשטאַט, מיין קאָוואַלנע, אויף מיין פעלד. וואָס קענען מיר זאָגן?...

ר׳ הערשעלע: — אָט דאָ ליגט טאַקע דער סוד... איצט פאַרשטיי איך שוין דעם גאַנצן ענין, דורך און דורך. דאָס איז ריכטיק, זכריה... זעסטו, איך האָב דאָס דאָרטן, בעת זיין ריידן, נישט אַזוי משיג געווען ווי דאָ... מיר דאַרפן און מוזן טאַקע ווערן שטאַרקער אין גוף, און אַ באָדן, אַ באָדן אונ־טער די פיס איז די ריכטיקע זאַך, מיר וועלן עס טאַקע דאַמאָלס דערפילן... גאָלדענע ווערטער — גאָלדענע... זענען מיר טאַקע, צום ביישפיל, נאַראָנים, ווי דו האָסט פריער געזאָגט... נאַראָנים! (קורצע פויזע) נו, אָט האָסטו דיר דאָבע. אָפּגעלעבט

78 יאָר, געמיינט, אַז איך בין דער גרעסטער חכם, און אויף דעם ניין־און־זיבעציקסטן יאָר ערשט אויסגעפונען, אַז כ׳בין אַ נאַר, כע־כע־כע... וואָרום טאַקע זכריה איז דאָס מיר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן אין די גאַנצע 78 יאָר? (זכריה בלייבט שטיין ביים פענסטער פאַרטראַכט).

ד אָ ב ע: — צו חכמה קען מען קיינמאָל נישט דערגרייכן, ר׳ הערשעלע. אַזוי פלעגט זאָגן מיין טאַטע ע״ה. אָט דאַכט זיך דיר האָסטו אָפּגעלעבט אַ גאַנץ לעבן פול מיט קלוגשאַפט און פאַרשטאַנד און אַ מינוט פאַר׳ן טויט געפינסטו אויס, אַז ס׳גאַנצע לעבן איז געווען נאַריש...

(עס זידט אויפ׳ן אויוועלע. דאָבע גייט צו, פאָרעט זיך, שטעלט צו די קאַרטאָפּלעס).

ר׳ ה ע ר ש ע ל ע: — אַזוי איז עס טאַקע. שלמה המלך האָט שוין לאַנג געזאָגט: הכל הבל! (עס הערט זיך אַ רופן: „הערשעל! הערשעל!“)

ד אָ ב ע: — גישע רופט אייך, ר׳ הערשעלע.

ר׳ ה ע ר ש ע ל ע: — ווייל מסתמא עפּעס פרעגן... אייַ, די ווייבער, די ווייבער!... זיצט אַ גאַנצן טאָג און טראַכט פון יענער וועלט, פונ׳ם מלאך דומה, ווי אַזוי ער זעט אויס, כע־כע. (שרייט ארויס דורכ׳ן פענסטער) אָט קום איך גישע. (דאָבע נעמט אַ טעפּל און גייט אַרויס אין צווייטן צימער). צו וואָס, צום ביי־שפּיל, בין איך געקומען אַהער? (קלערט) איך געדענקט נישט... (לאָזט זיך גיין צום טיר, דערמאָנט זיך) יאָ. (גייט צוריק) דאַרף אַריינקוקן מכח הלכת־נשים... ביי מיר, אין מיין גמרא זיינען די בלעטער אין גאַנצן אָפּגעריבן, אָפּגעמעקט... צום ביישפּיל, מיינע גמרא־תלמידים האָבן מן הסתמא דאָרט צו פיל אַריינגע־קוקט... (זוכט צווישן די ספרים) כ׳האָב עס. וועל עס באַלד צוריקברענגען, זכריה. (לאָזט זיך גיין. הוסט). קכע־קכע... אם — עה — צום ביישפּיל... (אָפּ).

ר׳ ז כ ר י ה: — (שמייכלט) אַ פריילאַכער איד, ר׳ הער־שעלע, אַ וואוילער איד!.. (שרייט אַרויס דורכ׳ן פענסטער) קומט באַלד צוריק, ר׳ הערשעלע, וועלן מיר טרינקן טיי. (ר׳ הערשעלע׳ס שטימע הערט זיך) כ׳וועל באַלד, צום ביישפּיל, קומען... (ר׳ זכריה גייט אַרום אין צימער רעט צו זיך) זייער אַ וואוילער איד. אַ איד אַ תלמיד חכם... (זעצט זיך ביים טיש און דרימלט איין. פּויזע. דאָבע קומט אַריין, זעט אים שלאָפן, פאָרעט זי זיך שטיל.)

ר ז כ ר י ה : — (פון שלאָף) כוועל גיין !... כ'וועל גיין ! (דאָבע דערשרעקט זיך, וועקט אים).

ד אָ ב ע : — זכריה ! זכריה ! ס'האָט זיך דיר עפּעס גע־חלום'ט ?

ר ז כ ר י ה : — (כאַפּט זיך אויף) אַך, וואָס פאַר אַ גוטער חלום... וואָס פאַר — (ציט אָפּ דעם אָטעם) דער מגיד... ער...

ד אָ ב ע : — (צעטומעלט) וואָס, נו ?

ר ' ז כ ר י ה : — (זאָגט מיט אַ ביבלישן טאָן) זכריה, זכריה ! אויף דיר איז געפאַלן דער גורל צו זיין דער פירער, דער עמוד־האש, דער צייכן אויפ'ן וועג, וואו די אידן דאַרפן איצט גיין... זע, גיי פאָראויס און גאָט וועט גיין מיט דיר !... אָט די ווערטער, די ווערטער, דאָבע ! (בלייבט שטיין פאַרטראַכט. קור־צע פויזע).

ד אָ ב ע : — (גלעט זיין אַרבל) פרואוו פאַרגעסן, זכריה... קלערסט צופיל פון דעם. קענסט, חלילה, דער אויבערשטער זאָל אָפּהיטן, קראַנק ווערן.

ר ' ז כ ר י ה : — (הערט נישט) אָט די ווערטער !... די ווערטער !... (דאָבע קוקט אויף אים, שאָקלט מיט'ן קאָפּ. וויל אים עפּעס זאָגן. עס הערט זיך ברכה'לעם קול : „מאמעשי !..." קורצע פויזע. דאָבע זיפצנדיק אָפּ).

ר ' ז כ ר י ה : — אָט די ווער — (קוקט זיך אַרום) אוועק־געגאַנגען. (באַלד) איך מוז עס שוין אָנהייבן... פון דאַנען... פון מיין הויז... טאַקע פון מיר אַליין, מיט מיין פלייש און בלוט... (פויזע) ווי אַזוי ? ! ווי אַזוי ? ! (פלוצלונג) רבש"ע זאָג מיר ווי אַזוי, ווייז מיר דעם וועג !... (פאַרטראַכט זיך. ס'פאַלט אים איין אַ געדאַנק. די אויגן זיינע שיינען אויף, זיין פּנים ווערט איינגעטונקן אין אַ הייליקייט. ער האַלט צו מיט די הענט דאָס מויל, נישט אויסצושרייען פון פרייד. ר' הערשעלע קומט צוריק. זכריה זעט אים נישט, שטייט ווי ער וואָלט זיך געפונען אויף אַנאַנדער וועלט).

ר ' ה ע ר ש ע ל ע : — (ברומט אַ חסידי'שן ניגון) אַיי, ווי גוט און ווי מחיה'דיק גאָט'ס וועלטל וואָלט געקענט זיין... איז ווי אַ שיינער גאָרטן מיט טייערע פירות און שמעקעדיקע רויזן, איז אָבער דער פאַרקן צעבראָכן און חזרים זענען געוואָרן די אויפזעער. צעטרעטן און באַמיסטיקן די שענסטע בייטן, ווי זאָגסטו זכריה ? (גייט צו נעענטער) זכריה — צום ביי—שפּיל !...

ר ' ז כ ר י ה : — הא ?... עה... אָ, ר' הערשעלע, ר'

הערשעלע! ... (כאַפּט אים אַרום ווי ער וואָלט וועלן טאַנצן) איך האָב עס געפונען ר׳ הערשעלע! איך האָב עס געפונען! איך בין גליקלאַך! גאָט האָט מיר אויפגעמאַכט די אויגן און מיר געוויזן דעם וועג... איך זע אונזער צוקונפט... אונזער דור, ר׳ הערשעלע איז שוין פאַרפאַלן, אויך אונזערע קינדערס... מיר האָבן געלעבט ווי שוואַכע שעפסן, שלאַפע לעמער און אַזעלכע וועלן מיר שוין אויסשטאַרבן. אָבער דער דור וואָס וועט קומען פון אונזערע קינדער מוז זיין אַ שטאַרקער. מיר מוזן אונזערע טעכטער געבן געזונטע שטאַרקע מענער. אַרבעטער! אַרבעטער! אַרבעטער! מיט אייזערנע מוסקולן און מיט האַרטע הענט! און פון זיי, ר׳ הערשעלע, וועט אַרויסקומען דער געזונטער איד מיט הענט ווי אַ האַמער און אַז עמיצער וועט אים אויסלאַכן, אים שפּייען אין פּנים, אים רייסן די באָרד, וועט ער קענען יענעם געבן מיט זיין האַנט אַזאַ קלאַפּ, אַז יענער וועט אַריין אין דער ערד — ווי אַ טשוואָק! (באַלד לאָמיר זיך נישט נאַרן, ר׳ הערשעלע, פון אַזאַ טאַטן ווי איך, אָדער איר, ווי דער רב, אָדער ווי דוד, קען קיין געזונטער דור נישט אַרויסקומען. (שטאַרקער) פון אַ בעל־מלאכה, אַן אַרבעטער, אָט פון וועמען! ...

ר׳ הערשעלע: — וואָ־וואַ־וואָסזשע, צום ביישפּיל!

ר׳ זכריה: — (רעט מיט באַגייסטערונג) איך וויל דאָס, ר׳ הערשעלע, אָנהויבן פון מיין הויז... מיט מיין בלוט און פלייש... איך מוז ווייזן דעם ביישפּיל... (באַשטימט) מיין ברכה׳לן, וועל איך חתונה מאַכן מיט אַ בעל־מלאכה! מיט אַן אַרבעטער! ...

ר׳ הערשעלע: — וואָ־וואַ־וואָס? ! זי איז דאָך שוין אַ כלה מיט דוד׳ן, צום ביישפּיל, אַ וואוילער בחור, דוד, אַן איידעלער, אַן עילוי!

ר׳ זכריה: — דערפאַר טויג עס נישט! איך וויל נישט קיין איידעלן! כ׳וויל נישט קיין עילוי! מיר זיינען אַלע איידעלע, אַלע עילוים, אַ גאַנץ פאָלק פון עילוים! און ווי אַזוי זעען מיר אויס? ... ווי אַזוי קוקט די וועלט אויף אונז? ווי אַזוי באַהאַנדלט מען אונז? (גיט אַ קלאַפּ אין טיש) גענוג! גענוג געווען די איידעלע, די עילוים פאַר דער וועלט. געוויזן זיי אונזערע קעפּ! אונזער שאַרפן מוח! איצט לאָמיר זיי ווייזן, אַז מיר האָבן אויך הענט אין אונזער גוף! ...

ר׳ הערשעלע: — מיר זיינען דאָך די אתה־בחרתנו..

דאָס אויסדערוויילטע פאָלק, צום ביישפּיל...

ר׳ זכריה: — (אין די רייד) מוזן מיר אודאי האָבן העגט! מוזן מיר אודאי און אודאי ווערן אַרבעטער, אַז נישט, מיינען זיי, אַז מיט אונזערע קעפּ באַשווינדלען מיר זייערע העגט...

ר׳ הערשעלע: — עס ליגט זיך אודאי אויפ׳ן שכל. נו, געוויס, אויב צום ביישפּיל, די הענט אַרבעטן נישט, מוז דער קאָפּ שווינדלען...

ר׳ זכריה: — דאַרום זאָג איך: מיר מוזן ווערן אַר־בעטער... קריגן אַ געזונטן גוף און אויך האָבן אַ באַדן אונטער אונזערע פיס... (קורצע פּויזע) איך וועל נאָך היינט ב״ה צו־ריקשיקן ברכה׳לעס תנאים.

ר׳ הערשעלע: — אָבער — עה — אָם — צום — צום ביישפּיל — אפשר?... כ׳מיין, טאָמער פאַרקערט, זכריה?... כ׳וויים?... דו ביסט, פאַרגעס נישט, אַ דיין... וועסט דאַרפן פיל טייכן און ים׳ן דורכגיין. אודאי האַלט איך מיט דיר... איך פאַרשטיי דיך. אָבער זיי, דער עולם, ליג דיך גוט איבער. נעם מיט אַ שטעקן, זכריה, גייסט אין אַ ווייסטער מדבר, אין אַ ווייסטער מדבר!...

ר׳ זכריה: — נישטאָ וואָס אָנצואווערן, ר׳ הערשעלע. וואָס קענען מיר פאַרלירן? קעגן גאָט זינדיקן מיר נישט. איך פיל אין זיך גאָט׳ס שליחות. און פאַר מענטשן, וואָס האָבן מיר מורא צו האָבן?... באו מים עד נפש. דאָס וואַסער דערגרייכט שוין ביז אָט דאָ... (ווייזט אויפ׳ן האַלז. גלייכט זיך אויס און רופט) דאָבע, דאָבע!...

ר׳ הערשעלע: — צו וואָס רופסטו איר, צום ביי־שפּיל?

ר׳ זכריה: — איך וויל איר אויך דערציילן מיין באַ־שלוס. (ר׳ הערשעלע בלייבט צעטומעלט. דאָבע קומט אַריין).

דאָבע: — האָסט מיך גערופן, זכריה?

ר׳ זכריה: — (שאָקלט מיט׳ן קאָפּ) יאָ. זעץ דיך. איך האָב מיט דיר עפּעס צו ריידן, דאָבע. (דאָבע קוקט אים אָן. פאַר־שטייט נישט. זעצט זיך. ר׳ הערשעלע ווייסט נישט וואָס צו טאָן, פאָרעט זיך דאָ און דאָרט).

ר׳ הערשעלע: — נו, וועל איך אייך זען שפּעטער. (וויל גיין).

ר׳ זכריה: — יאָגט אייך נישט, ר׳ הערשעלע, זייט נאָך דאָ. זעצט אייך. איר ווייסט דאָך וועגן וואָס איך וויל ריידן. (ר׳ הערשעלע זעצט זיך, זכריה רעט ווייטער) איך ווייס, דאָבע, אַז עס וועט דיר זייער שווער זיין דאָס אויסצוהערן, אָבער איין גאָט ווייסט —

ר׳ הערשעלע: — (אין די רייד) אַ וויכטיקע זאַך, זייער אַ וויכטיקע זאַך. צום ביישפּיל...

ר׳ זכריה: — מיר אידן טויגן פאַר דער וועלט, מיר האָבן קעפּ! אָבער פאַר אונז אַליין איז דער קאָפּ ווייניק... מיר מוזן אונזערע הענט אויך מאַכן נוצלאַך... צו וואָס האָט אונז דער אויבערשטער געגעבן הענט? (קורצע פּויזע) דערווייל זיינען זיי ביי אונז טאַקע נישט מער ווי דער משוגענער יחיאל זאָגט: „שפּענער!"

דאָבע: — וואָס־זשע האָסטו מיך גערופן?

ר׳ זכריה: — ווייל עס איז בנוגע דיר... ווייל... ווייל, הם־ם־ם... קיין אַנדער וועג איז נישטאָ, נאָר אידן זאָלן ווערן בעל־מלאכות, זיך משדך זיין מיט בעל־מלאכות און פון בעל־מלאכות נאָר וועט אַרויסקומען דער שטאַרקער דור. דאַרום האָב איך דיך גערופן, דאָבע (זי הויבט אָן פאַרשטיין) איך וויל דאָס אָנהויבן פון מיין הויז... פון מיין בלוט און פלייש... פון... (קוקט מיט בעטנדע אויגן אויף דאָבע׳ן).

דאָבע: — (ווערט בלאַס) מיינסט דאָך נישט זכריה...

ר׳ זכריה: — (שאָקלט מאַט׳ן קאָפּ) געטראָפן דאָבע. שטאַרק זיך, עס איז גאָט׳ס ווילן אַזוי. מיר וועלן אויסזוכן אַן ערלאַכן און אַ געזונטן אידישן בעל־מלאכה פאַר אונזער ברכה׳־לען. זי איז נאָך אַ קינד און וועט פאָלגן טאַטע־מאַמע. זי איז אַ געזונט קינד און אַז איר זיווג וועט זיין אַ געזונטער וועט פון זיי ב״ה אַרויסקומען אַ געזונטער דור... (באַלד) און פאַרגעס נישט, אַז איך — זכריה דיין — וועל עס טאָן, וועט עס יעקב טאָן, וועט עס שמערל טאָן, וועט עס יצחק טאָן, וועלן עס אַלע אידן טאָן. וועט שוין קיין אַרבעטער נישט זיין קיין שאַנדע אין דער משפּחה. וועלן מיר אידן מיט דער צייט ווערן געזונט און שטאַרק און שטאָלץ! (בייט דעם טאָן) איך שיק נאָך היינט אָפּ אונזערע מחותנים די תנאים...

דאָבע: — (וויינט) אַ ווייטיק איז מיר, וואָס גייסטו טאָן זכריה? אַן׳אומגליק האָט מיך געטראָפן... (ברעכט די

הענט) באַרעכן דיך... זעט, ר׳ הערשעלע, רעט איר איבער מיט אים. (ר׳ הערשעלע הייבט די אַקסל).

ר׳ זכריה: — נישט ר׳ הערשעלע׳ס איבעררײדן, נישט דיין געוויין, און אַפילו די גאַנצע וועלט וועט דאָ נישט העלפן. דאָבע, זיי אַ גוטע... האָב בטחון אין זיך, אין מיר און אין גאָט ב״ה. אויף מיר וועלן קוקן וועלטן. דאָבע, מיר קענען ראַטעוון ס׳גאַנצע אידישע פאָלק!

דאָבע: — מ׳וועט דיך נאָך חלילה (האַלט זיך צו ס׳מויל) כ׳האָב דאָס מורא פאַר מיין מויל צו ברענגען. וועסט מאַכן אידן פאַר בעל־מלאכות, זיי צונעמען פון די הייליקע ספרים... דער הייליקער תורה... סאַ זינד — כ׳האָב מורא!

ר׳ זכריה: — ראשית, פאַרשטייען אַלע, אַז מען קריגט שטאַרקע הענט, מיינט דאָס נאָך נישט, אַז מען פאַרלירט דער־ביי דעם קאָפּ. פאַרקערט, אַ געזונטער גוף קען דערטראָגן אַ גע־זונטע נשמה... והשנית, איז דאָ אויף דעם אַ בפירוש׳ער פסוק. ווי שטייט דאָרט ר׳ הערשעלע: דרך ארץ קדמה לתורה, וואָס מיינט: וועלטלאַכע פליכטן זיינען בילכער ווי לערנען תורה. פאַרשטייט זיך, אין צייט פון סכנה...

ר׳ הערשעלע: — יאָ, יאָ... פאַראַנען, צום ביי־שפּיל, פאַראַנען אַזאַ מאמר אין גמרא (ווייסט נישט וואָס צו טאָן. שמעקט טאַבאַק און צעניסט זיך). וואַ... ווייז נישט, דאָבע. דאָס איז דער איינציקער וועג און... און (ניסט) דער ריכטיקער וועג. מיר האָבן אונזערם שוין אָפּגעלעבט. דורכגעשטופּט אַ לעבן אין פּיין, אין מאַטערניש מיט שטענדיקע שרעק... אָבער אונזערע קינדער און קינדס־קינדער... הם־ם־ם, זיי וועלן נישט קענען אויפהאַלטן דעם אידישן שטאַם בלויז מיט קעפּ... ווי מיר האָבן עס געטאָן. אַנדערע דורות, אַנדערע אידן. אַן אַנדערע וועלט! צו דער היינטיקער וועלט, דאָבע, איז אַ קאָפּ אַליין ווייניק. מען מוז האָבן הענט! ברייטע הענט. אויסגעאַרבעטע הענט! דער גאַנ־צער גוף מוז זיין אַ שטאַרקער!...

דאָבע: — (וויינט) ווײ איז מיר. איר אויך? ר׳ הער־שעלע, ר׳ הערשעלע!...

ר׳ זכריה: — (גייט צו איר, נעמט איר איין) גענוג דאָבע... איך בעט דיך, וויין נישט... גאָט׳ס ווילן איז אַזוי. מיר מוזן זיין דער עמוד־האש, דער צייכן אויפ׳ן וועג וואו די

אידן דאַרפן איצט גיין. (ברכה'לע קומט אַריין. דאָבע באַהאַלט די טרערן).

ב ר כ ה ' ל ע : — עפּעס אַ שגץ דרייט זיך דאָ אַרום אונ־זערע פענסטער און פרעגט אויף דיר — טאַטע. (לויפט צו צום טיר און מאַכט זי אויף, שרייט אַרויס) כאַטש טוטיי! (מאַטשיק, אַ שגץ פון אַ יאָר 16 קומט אַריין. דערשרעקט זיך פאַר די בילדער אויף די ווענט און די פילע ספרים. בייגט זיך. ציט זיך עטוואָס צו־ריק. צלמ'ט זיך).

מ אַ ט ש ע ק : — אויצאַ אי סינאַ אי שווענטאַ דוכאַ, אַמין! (דאָבע שפּייט אויס).

ר ' ה ע ר ש ע ל ע : — געפינען, צום ביישפּיל, דאָס פּלאַץ וואו זיי צו לויבן... כע־כע־כע...

ר ' ז כ ר י ה : — קוקט אָן אַ גוף!...

מ אַ ט ש י ק : — וואוינט דאָ ראַבין זיהאַריע?

ר ' ז כ ר י ה : — יאָ, איך בין עס.

מ אַ ט ש י ק : — באַטקאָ גיבן מיר האָט אַ האַלב שאָק אייער. גיי צו ראַבין זיהאַריע, זאָגט ער מיר און זאָג דעם ראַבין, אַז יאַנוש דער שכור בעט אים איבער, אַז יאַנוש דער שכור וועט מער נישט שלאָגן דעם זשיד, גנב!... דעם זשיד פאַרזשי־וועץ!... אָבער דו, ראַבין זיהאַריע, זאָלסט אַראָפּנעמען פון אים דעם כשוף... ע, מיין באַטקאָ האָט מורא אַרויסצוגיין אַליין ביינאַכט... די זשידאָווסקי שדים מיט די לאַנגע קאַפּאָטעס באַפאַלן אים מיט שטעקנס... (ווישט זיך דעם שווייס). אָן איז דאָס האַלבע שאָק אייער. דאָס קעסטל האָט ער, דער באַטקאָ מיינער, געהייסן מיר צוריקנעמען פונ'ט זשיד פאַרכאַטי! — (כאַפּט זיך צוריק) כ'מיין, ראַבין זיהאַריע... אָט דאָ, נאַ נעם ראַבין זיהאַריע די אייער... (שטעלט אַוועק די אייער. ווישט זיך אָפּ דעם שווייס. דאָבע נעמט זיי צו. זכריה רעט עפּעס צו דאָבע'ן און דאָבע ברענגט אַריין אַ שטיק חלה).

מ אַ ט ש י ק : — (וויל גיין) וואָס איז דיין ענטפער צום באַטקאָ? וועלן אים די זשידאָווסקי שדים נישט שלאָגן מער יעדן אויפדערנאַכט?

ר ' ז כ ר י ה : — (קוקט זיך איבער מיט די איבעריקע) גיי זאָג דיין באַטקאָ, אַז די אידן האָבן שוין געקראָגן שטאַרקע הענט און אַז ער וועט שלאָגן אַ אידן, וועט יענער אים דער'הרג'ענען. און אַז ער וועט נישט טשעפּן מער קיין אידן, וועט אים אויך

קיינער נישט טשעפּן. פאַרשטייסט?

מ א ט ש י ק: — (שאָקלט מיט'ן קאָפּ אויף יאָ) יאָ.

ר' ז כ ר י ה: — ווי הייסט דו? ווי אַזוי רופט מען דיך? (מאַטשיק שאָקלט מיט'ן קאָפּ אויף ניין, אַז ער פאַרשטייט נישט) ווי אַזוי איז דיין נאָמען?

מ א ט ש י ק: — אַה, יאָ... מאַטשיק! מאַטשיק זשאַבינסקי...

ר' ה ע ר ש ע ל ע: — צום ביישפּיל, ווי דערשראָקן ער איז, דער חברה־מאַן!

ר' ז כ ר י ה: — נאַ, מאַטשיק, גיב דיין באַטקאַ אָט דאָס. (גיט אים געלט) ס'וועט זיין פאַר די אייער און (גיט אים דאָס שטיק חלה) דאָס איז פאַר דיר.

מ א ט ש י ק: — (נעמט צו די חלה) איך באַדאַנק דיר, ראַבין זיהאַריע! (בייסט אָפּ און וויל גיין).

ר' ז כ ר י ה: — האָסט פאַרגעסן ס'קעסטל, מאַטשיק. (מאַשטיק קערט זיך אום נעמט ס'קעסטל און קייענדיק צלמ'ט ער זיך: „אויצאַ אי סינאַ אי שווענטאַ דוכאַ, אַמין". אָפּ. ר' הערשעלע שטייט לעבן ברכה'לן. מאַכט פאַרשיידענע האַוואַיעס, ווען יענער צלמ'ט זיך. ברכה'לע האַלט זיך צו ס'מויל נישט צו לאַכן. ווען מאַטשיק מאַכט צו די טיר הינטער זיך צעלאַכט זי זיך און ר' הערשעלע מאַכט נאָך דעם שגץ, ווישט זיך צעטומעלט דעם שוויים).

ר' ה ע ר ש ע ל ע: — אָן איז דער האַלבער שאָק אייער. דאָס קעסטל האָט ער, דער באַטקאַ מיינער, געהייסן מיר צוריקנעמען פון'ם זשיד פאַרכאַטי (כאַפּט זיך צוריק) כ'מיין ראַבין זיהאַריע... אָט דאַ... נאַ, נעם ראַבין זיהאַריע די אייער! (אַלע שמייכלען, ר' הערשעלע זאָגט איבער) פון'ם זשיד פאַרכאַטי, צום ביישפּיל... ראַבין זיהאַריע! כע־כע?...

ר' ז כ ר י ה: — (סאַרקאַסטיש) אַזוי איז עס... האָט איר, ר' הערשעלע, זיך צוגעקוקט צו זיין געזונטן גוף? צו זיינע הענט? אָט דאָס וואָס מיר דאַרפן האָבן. דעם קאָפּ. ר' הערשעלע, פון וואַנען עס קומט אַרויס דער קול קול יעקב איז אמת, האָבן מיר... אָבער הענט? הענט? (דער משוגענער יחיאל שפּרייזט דורך דאָס אָפענע פענסטער, קוקט אויף די הענט און וויינט).

י ח י א ל: — שפּענער!... שפּענער!... שפּענער!...

(אַלע קוקן פאַרווירט).

(פאָרהאַנג)

צווייטער אַקט

צווייטער אקט

די סצענע — אַ צימער ביים רב.

רעכטס אין הינטערגרונט אַ קאַבליוועט אויוועט. אַ פּעסל וואַסער. אַ שעפּל. אַ שעפּ. אַ האַנטוך. העכער שטיין, ווי אַ דלת, פּאָליצעס מיט ספרים. אַ לאַנגער טיש מיט צוויי לאַנגע בענק פון ביידע זייטן.

אין הינטערגרונט אין מיטן אַ טיר צו דער גאַס. צווישן טיר און וואַנט לינקס איז אַ פענסטער. עס שטייט אַ קליינער פיר־עקיגער טיש מיט בענקלאַך אַרום. אַרויפצו, נענטער צום פאַרהאַנג איז אַ פענסטער. עס שטייט אַ שטענדער מיט אַן אָפן ספר.

דער רב זיצט ביים טיש וואָס איז לעבן פענסטער, נעבן אים אויף אַ האַלב בענקל, אונטערשפּאַרנדיק זיך מיט אַ פוס, זיצט ר׳ שלום יעקב.

אויף דער פאָדערשטער באַנק, לעבן צווייטן טיש, זיצט די רביצין און לאה׳טשע.

דוד פּאָרעט זיך ביי די ספרים.

ר׳ שלום יעקב: — כ׳וואָלט זאָגן פריער, פאַר׳ן חורבן. פאַר די מלחמה, פאַר די ווילדע העצעס און פּאָגראָמען אויף אונז אידן, ווען די צרה אונזערע איז נאָך נישט געווען אַזוי גרויס און טאַקע כ׳מיין: ווען ר׳ זכריה איז נאָך געווען ר׳ זכריה׳לע... נו, עה, כ׳מיין צו זאָגן, ווען ר׳ זכריה איז נאָך געווען דער רייכער און איך דער אָרימער... נו, מילא, גע־פעלט אים נישט דער שידוך... ער האָט זיך איבערגעקלערט, עס פּאַסט אים נישט זיך משדך צו זיין מיט שלום יעקב דער מור־ליאַרזש. (ציט אָפּ דעם אָטעם)... אָבער איצטער? רבי, איצטער, ווען איך בין ב״ה אַזוי רייך געוואָרען, וויל ער פלוצלינג נישט דעם שידוך! וואָס הייסט דאָס?! (הויבט די אַקסל) איך הויב דאָס נישט אָן צו פאַרשטיין, רבי...

ר ב: — מעה!... (שאָקלט מיט׳ן קאָפּ אויף ניין).

ר׳ שלום יעקב: — (רעדט ווייטער מיט מער היץ)

כ׳וואָלט זאָגן, עפּעס אויסגעפונען חלילה שלעכטס אויף מיין דוד׳ן אָדער חס־וחלילה אויף אונז, (ווייזט אויף זיך און לאה׳טשן) ווייסאך וואָס! (גיפטיק) ער וויל נישט דעם שידוך, ווייל מיין דוד איז נישט קיין בעל־מלאכה!... כע־כע־כע, איר הערט, רבי. די טענות?

ר ב: — (וואונדערט זיך) מעה!... נו־נו, הם... עה, הייסט עס, אַז ער וויל נישט קיין לערנער, נאָר אַ בעל־מלאכה? איך פאַרשטיי נישט... ר׳ זכריה דיין?!... עפּעס לייגט זיך דאָס נישט אויפ׳ן שכל.

ל א ה ׳ ט ש ע: — (אין די רייד) אַזאַ בזיון, רביצין קרוין, אַזאַ בזיון!... שטעלט אייך פאָר אַזאַ נחות דערלעבט, אויפגע־האָדעוועט אַזאַ זון קיין עין הרע נישט. מען נייט אים שוין חתונה מלבושים און אין מיטען דערינען, נאַט אייך! מען שיקט אייך צוריק די תנאים באשר־בכן? מיין אַלטער איז אַ לער־נער און נישט קיין בעל־מלאכה... און ווער איז דער מחותן וואָס וויל נישט קיין לערנער נאָר אַ בעל־מלאכה פאַר אַן איידעם? ר׳ זכריה׳לע דיין!...

ר ב י צ י ן: — ר׳ זכריה דיין, איז זייער אַן ערלאַכער איד. עס מוז זיין איבער עפּעס אַנדערש וואָס ער האָט אייך צוריק־געשיקט די תנאים. דאָס וואָלט דאָך געווען אַ זאַך וואָס איז נאָך קיינמאָל נישט געהערט געוואָרען!

ר׳ ש ל ו ם י ע ק ב: — דערפאַר, דערפאַר! דער שליח, דער אַלטער ר׳ הערשעלע, האָט עס מיר בפירוש געזאָגט, רבי!

ר ב: — (שאָקלט מיט׳ן קאָפּ אויף ניין) איך קען עס ניט משיג זיין... דאָס לייגט זיך מיר נישט אויפ׳ן שכל...

ל א ה ׳ ט ש ע: — אָט דאָס שריי איך דאָך, רביצין קרוין! ווי איז דאָס געהערט געוואָרען אין גאָר די וועלט, אַז אַ איד, און נאָך אַזאַ איד ווי ר׳ זכריה דיין, זאָל אַזוי טענה׳ן? ער וויל גאָר אַ בעל־מלאכה און נישט קיין לערנער... נישט אַנדערש, נאָר דער גרויסער חורבן, די צרות וואָס האָבן זיך אויסגעגאָסן אויף די אידישע קעפּ האָבן אים אַ ביסל...

ד ו ד: — (אין די רייד) מאַמע...

ל א ה ׳ ט ש ע: — עס איז צווישן אידן קיינמאָל נישט געהערט געוואָרן אַזאַ זאַך!

ד ו ד: — (זיפצט) עד!...

ש ל ו ם י ע ק ב: — אָט דאָס רבי, איז די זאַך וואָס איך

קען נישט פארשטיין. פריער — נישט היינט גערטאכט — ווען איך בין נאך געווען שלום יעקב דער מוליארזש, האט אים דער שידוך געפאסט, האט ער זיך בארימט אומעטום מיט דער כלי וואס ער האט געפונען... מיט מיין דוד'ן הייסט עס, אז ער איז אזוינס און אזעלכעס, און אז ער וועט אם־ירצה־השם זיין רב, און איצט מיט אמאל... עך, רבי, ס'איז עק וועלט.

ל א ה ' ט ש ע : — (אין די רייד) נא דיר א בעל מלאכה צום טיש!... אונז רביצין קרוין. ארט אסור נישט דאס, וואס זיי האבן אונז צוריקגעשיקט די תנאים. נישקשה, מיין אלטער איז נישט — גאט צו דאנקן — קיין באוועלע סחורה... און נדן צו סילוק'ן האבן מיר ב"ה אויך... אונז ארט אט די בושה, דער בזיון, די גאנצע שטאט וועט זיך קאכן מיט די צוריקגע־שיקטע תנאים.

ד ו ד : — (בלייבט שטיין, וויל זיך ארויינמישן, ברומט צו זיך) אך, אם־ם־צע!...

ר' ש ל ו ם י ע ק ב : — נו, טאקע, גיי דערציייל א שטאט מיט מענטשן, אז ר' זכריה דיין, וויל נישט מיין דוד'ן ווייל ער איז א לערנער און נישט קיין ארבעטער, א בעל־מלאכה, (הויבט די אקסל) די מענטשן וועלן דאך לאכן אין די הויפנס און אויס־טראכטן זאכן וואס זיינען נישט געשטויגן און נישט געפלויגן! (א פרוי קלאפט און קומט גלייך אריין).

פ ר ו י : — גוט מארגן רבי. איך בין געקומען, רבי (קוקט זיך אום און ווערט פארשעמט). דער קאפ איז אזוי פאר־טארעט, אז איך זע שוין קיין מענטשן נישט. גוט מארגן רביצין. (שאקלט מיטן קאפ צו די איבעריקע) גוט מארגן. איך בין געקומען אייך פרעגן א שאלה, רבי (גייט צו נענטער צו די פרויען). אך, נישט צו פארזינדיקן מיט די רייד, ווי איך לייד זיך עס אן א ביסל. מיין צאלקע, איר האט דאך מן הסתמא שוין געהערט, הא?... ער האט געקראגן אן אויערל, וויי דער מאמע'ן... קיין אידיש קינד זאל נישט וויסן דערפון. ס'רינט און ס'רינט און ס'רינט!...

ר ב י : — וואס איז די שאלה?

פ ר ו י : — (כאפט זיך) יא. (רעט האלב אין רב'ס זייט און האלב צו די פרויען) ס'רינט ווי פון א פאמעשאף און דא איז מיין יקותאל נישטא אין דער היים. ר'איז געגאנגען אויפ'ן דארף, אפשר וועט דער וואס לעבט אייביק אים צושיקן עפעס א מציאה.

אַז עוף אָדער אַ האַלב שאָק אייער... מען האָט דאָך שוין נישט וואָס אויסצופּאַרקויפן, מיין... (כאַפּט זיך) יאָ, די שאלה... איז דאָס קינד מיינס, צאַלקע, — די איבעריקע קינדער זע איך דען אַז אין שטוב? אַז דער טאַטע איז נישטאָ אין שטוב און אַז דער וואָס לעבט אייביק העלפט נאָך, אַז ער לאָזט זיך אויפ׳ן דאָרף זענען זיי שוין גאָר ווי אויף הפקר, דרייען מיר אָפּ דעם קאָפּ, פאַר מיר האָבן זיי גאָר קיין מורא נישט!

ר ב י צ י ן: — נו, און אין חדר גייען זיי נישט?

פ ר ו י: — יאָ, נח און ישראל און משה׳לע גייען אין חדר, אָבער חיים׳על און מאַכליע נישט. זיי זענעןביידע זייער שוואַכע קינדער. איבערהויפּט דאָס מיידעלע איז גאָר אַ חלאת... הויט און ביין... נו, טראַכט איך מיר, אינדערפרי, יאָק אינדערפרי, אָבער וואַרעמעס מוז מען זיי עפּעס מאַכן... זוך איך צונויף אַ פּאָר אַלטע שטיקלאַך ברויט, אַביסל מילך האָב איך נאָך פון נעכטן, וועל איך צוגיסן אין פענדל אַביסל וואַסער און מיר האָבן שוין אַ וואַרעמעס! פאַר צאַלקע׳ן אָבער מוז איך האָבן אַ יאַ־כעל... ער איז דאָך קראַנק נעבעך! פאַלט מיר איין איך זאָל אַריינגיסן אַ ביסל וואַסער אינ׳ם טשאָלענט־טעפּל, אַנטלייען ערגעץ אַ קאַרטאָפל און שוין קענען איז איין וועגס אַריינלייגן אַהער אַ האַלבע און אַהער אַ האַלבע (אַלע הערן זיך צו מיט גרוים רחמנות. זי רעט ווייטער) שטעל איך אַוועק ביידע טעפּלאַך אויף דער גריבע און לאָז זיך אין מאַרק אַריין אַנטלייען ערגעץ אַ קאַר־טאָפלע (פאַרזאָרגט) איך בין אומגעגאַנגען ביז איצט און נישט געקראָגן.

ר ב י צ י ן: — איר האָט דאָך געקענט צו מיר אַריינקומען באָרגען.

ל א ה ׳ ט ש ע: — ביי מיר שטייט אַ זאַק קאַרטאָפלעס, ווען איר קומט אַריין, מיט׳ן גרעסטן פאַרגעניגן!

פ ר ו י: — (טרויעריק) איצט האָב איך זיך דערמאָנט, עס האָט שוין געמוזט אויסלויפן האַלב פונ׳ם וואַסער און אפשר האָט אַ שפּריץ געטאָן פונ׳ם מילכיקן אין פליישיקן אָדער פון פליישיקן אין מילכיקן טעפּל?... מילא, ווען ס׳מילכיקע ווערט חלילה טריף, וואָלט מיך שוין נישט אַזוי געאַרט ווי ווען חלילה ס׳פליישיקע וואַסער? מיר זענען געזונטע מענטשן, אָבער צאַל־קע, אים רינט און רינט פונ׳ם אויער׳ל, ווי —

ר ב : — איך קען אייך נישט זאָגן וועלכעס טעפּל מיט וואַ־סער, דאָס מילכיקע צו פליישיקע איז טריף צו כשר... גייט אהיים און זעט וועלכעס טעפּל שטייט אויף אַ גרעסער פייער, איז עס פּאַשטייט זיך פריער אויסגעלאָפן.

פ ר ו י : — אָט גיי איך און קום באַלד צוריק (וויל גיין).

ר ב י צ י ן : — וואַרט אונטער מלכה. איך וועל אייך אויס־באָרגן אַביסל קאַרטאָפליעס און עטלאַכע מאַרקן... איר וועט מיר אָפּגעבן ווען דער אייבערשטער וועט אייך העלפן. (גיט איר קאַרטאָפליעס און געלט).

פ ר ו י : — איך באַדאַנק אייך זייער, רביצין קרוין, זאָל גאָט אין אייך און אין אַלע אידישע קינדער נישט פאַרגעסען... (לאָזט זיך גיין) איך וועל באַלד צוריק קומען. וועל זען אונטער וועלכן טעפּל ס׳פייער איז גרעסער! (אָפּ).

ר ב : — ביטערע צייטן, ביטערע צייטן פאַר אידן...

ל א ה ׳ ט ש ע : — דוד׳ל, וועסט מיך דערמאָנען וועל איך איר עפּעס צושיקן... און איר רביצין קרוין, אויב איר האָט צייט, וועלן מיר פאַר אירטוועגן עפּעס צונויפמאַכן...

ר ב י צ י ן : — מהיכא תיתי.

ש ל ו ם י ע ק ב : — איז יאָ, אַנטקעגן דעם וואָס מען רעט—

פ ר ו י : — (פאַרסאָפּעט און פאַרשעמט) איך בעט אייך אי־בער רבי. (רעט צו אַלעמען) מיין צאַלקע ווײנט. איך מוז שוין צוריקלויפן... איך האָב שוין נישט מער קיין שאלה צו פרעגן. איך האָב זיך אין דער פרי געיאָגט צו אַנטלייען אַ קאַרטאָפליע און בין געווען אַזוי צעטראָגן, אַז כ׳האָב פאַרגעסן צו מאַכן פייער אין דער גריבע... (בלייבט שטיין אַ ווײלע פאַרשעמט) אַ גוטן טאָג. א — (אָפּ. אַלע שמייכלען. שמש קומט אַריין. האַלט זיך ביים פּוס).

ש מ ש : — אָ, וואַ, צ־צ־צ... זי האָט מיר דעם פּוס שיער צעטראָטן! אָ, וואַ!... (קושט די מזוזה. האָט אַ טבע צו שאָקלען זיך און רייבן די הענט ביים ריידן) אַ גאָט העלף אייך... איז אַרויסגעלאָפן מיט אַזאַ אימפּעט... הסםם... זיי קומען שוין צאַ־צאַ... ר׳ הערשעלע קומט אויך מיט זיי. (צום רב) אַ ברית און אַ פדיון־הבן נאָך דאָ היינט, רבי...

ל א ה ׳ ט ש ע : — (צו שלום יעקב) לאָז דיר נישט שפּייען אין דער קאַשע, הערסט?!...

ד ו ד: — מאַ־מע?!... (עס מאַכט זיך אויף די טיר און עס קומען אריין ר' הערשעלע, ר' זכריה, דאָבע און ברכה'לע).

ד י אַ נ ג ע ק ו מ ע נ ע: — אַ גאָט העלף! אַ גאָט העלף! (די שטוביקע ענטפערן).

ר' ה ע ר ש ע ל ע: — אַ גאָט העלף, צום ביישפּיל... שלום עליכם. (גיט די מענער די האַנט).

ר' ז כ ר י ה: — אַ גאָט העלפט אייך רבי, און אייך רביצין, אַ גאָט העלפט דיר שלום יעקב און דיר לאה'טשע. אַ גאָט העלפט! און וואָס שטייסט דו אַזוי פאַרזאָרגט, דוד? שלום עליכם! מיר אידן האָבן איצט אַ פיל גרעסערן חורבן נאָך וועלכן צו זאָרגן, ווי נאָך אָפּגעלאָזטע תנאים... (דוד לאָזט אַרונטער זיין קאָפּ. שלום יעקב וויל עפּעס זאָגן, טרעפט זיך מיט'ן רב'ס בליק, האַלט ער זיך צוריק. דאָבע און ברכה'לע זעצן זיך לעבן דער רביצין. דאָבע האַלט ברכה'לעס קאָפּ ביי איר ברוסט).

ל א ה ' ט ש ע: — ווער זאָגט דען, אַז ער האָט זיך אַזוי פאַרזאָרגט וועגן שידוך? מיין דוד גייט ב"ה אַרום אַזוי פאַר־זאָרגט אַלע מאָל... דאָס זאָרגט ער וועגן דער הייליקער תורה וועגן!

ר' ז כ ר י ה: — אָט, אָט אָ... אָ! אָט אָ דאָס איז עס וואָס איך טענה איצטער! אָט־אָ־דאָ, ליגט דער גאַנצער טעות אונזערער... פאַר דער הייליקער תורה דאַרפן מיר זיך נישט זאָרגן, דערויף האָבן מיר אַ גרויסן גאָט אויבן אין הימל און ער וועט שוין די תורה היטן... מיר דאַרפן איצט זאָרגן פאַר די וואָס האָבן מקבל געווען די הייליקע תורה, פאַר'ן פאָלק ישראל! דאָס אידישע פאָלק ווערט איצט צעטראָטן ווי די זאַמד ביים ברעג פונ'ם ים. ווערט אויסגעקוילעט ווי די שעפּסן, ווערט אויסגעשניטן ווי די זאַנגן אויפ'ן פעלד... און איך בעט אייך, אדרבה, זאָגט מיר, וואָס וועט זיין דעם קיום פון דער הייליקער תורה, אַז דאָס פאָלק ישראל וועט חלילה צעשטערט ווערן?..

ר' ה ע ר ש ע ל ע: — נו, טאַקע, צום ביישפּיל, וואָס וועט זיין דער קיום?... אדרבה, וואָס?... מיר מוזן ווערן שטרקע אידן! מיר מוזן ווערן, צום — (קלאַפּט איין האַנט אין דער צווייטער, קאָכט זיך).

ר ב: — אויב דאָס איז דער ווילן פון רבונו של עולם קענען מיר, פון בשר־ודם, זיין ווילן נישט איבערמאַכן.

ר' ז כ ר י ה: — אמת. אָבער גאָט וויל אונז נישט אומ־

ברענגן. האָט זיך שוין געטראָפן אויף דער גאַנצער וועלט, אַז אַ קלוגער טאַטע זאָל וועלן זיין באַליבט קינד טויטן ? ער קען אים באַשטראָפן, ווען ער פאַרזינדיקט זיך, אָבער נישט טויטן ! און גאָט זאָגט דאָך : דו מענטש טו און איך וועל דיר העלפן. און אם אין אני לי מי לי ?... די אידישע שונאים זענען שטאַרק און מעכטיק און שעכטן אונז אַזוי, און נאָך גרינגער ווי ר' חיים שוחט שעכט די כפרות ערב יום כפור...

ר' הערשעלע : — (אין די רייד) מיר מוזן ווערן, צום ביישפיל, שטאַרקער ! אויב עס איז אונז שוין יאָ באַשערט מען זאָל אונז אויסקוילן, זאָלן זיי כאָטשבי אָנמוטשען זיך מיט אונז, ווי צום ביישפיל מיט אַן אָקס !... וואָס מען דאַרף פריער בינדן, זיך גוט אָנמוטשן, זיין אין אַ סכנה צו קריגן אַ קלאַפּ און ווערן אַ קאַליקע... די — די — די שחיטה גייט שוין במילא צו גלאַטער...

שמש : — איר זענט ווייט אַוועק פון'ם ענין... ה־ם־ם־ם. רבי, מיר האָבן נאָך היינט אַ ברית און אַ פדיון־הבן ! אידן וואַרטן אויף אייך, רבי !...

רב : — יאָ, יאָ... אידן וואַרטן אויף מיר... אַ ברית און אַ פדיון־הבן. ני, זעצט אייך אויס. איך וועל אויסהערן די טענות...

ר' זכריה : — כ'פאַרשטיי נישט רבי, צו וואָס אַ דיין־תורה ? נישט איך האָב געהאַנדעלט מיט שלום יעקב'ן און נישט איך האָב אים אָפּגענאַרט... (שטאַרקער) רבי, איך האָב אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז אַזוי ווי מיר זענען איצט טויג נישט, מיר זענען שוואַכע, דערשלאָגענע, און האָבן נישט קיין באָדן אונטער אונזערע פיס, אָבער מיר קאָנען ווערן שטאַרקער בלויז דאַן, ווען מיר ווילן זיך נעמען צו מלאכה. אַרבעטן, אַרבעטן, אַרבעטן ! מיר ווילן קענען קוקן יעדן גלייך אין פּנים און אָנגעוויזן אָט דאָס איז אונזערס, מיר האָבן דאָס מיט די אייגענע הענט געמאַכט (באַלד) און איך וויל דאָס אָנהייבן פון מיין הויז, פון מיין בלוט און פלייש. איך וויל אַז אַרבעטער פאַר מיין טאָכטער ! אַ געזונטן אידן און פון זיי וועט אַרויסקומען געזונטע קינדער !... געזונטע אידן, וואָס וועלן קענען — ווי די אידן פון אַמאָל — פאַרטיידיקן און אויסהיטן דאָס אידישע פאָלק פון די שטאַרקערע פון זיי.

לאה טשע : — מיין דוד'ל איז ב"ה אַ געזונטער !

דוד: — מאַמ—מע!

ר' זכריה: — (לאַכט סאַרקאַסטיש) אַ געזונטער... מיר זענען אַלע אַזוי געזונט! (גיט אַ קלאַפּ אין טיש) גענוג זיך צו נאַרן! דער איד וואָס זאָל קענען באַשטיין די אידישע שונאים און ראַטעווען דאָס אידישע פאָלק, קען פון קיין לערנער נישט אַרויסקומען.

שמש: — ווײ, ווײ, לשון־הרע ביים רבי'ן אין שטוב! (שטילער) אַ ברית און אַ פּדיון־הבן...

ר' זכריה: — איך רייד נישט קיין לשון הרע. אָבער איר ווייסט נאָך נישט... איר זענט נאָך בלינד, אַזוי בלינד ווי ס'גאַנצע אידישע פאָלק, וועלכעס זעט נישט דעם וועג, וואָס קען זיי ראַטעווען!... איך בין אויך אַזוי געווען, אָבער דער אויבערשטער — געלויבט איז ער!.. האָט מיר מיינע אויגן אויפגעמאַכט... (אַלע ווערן אומרואיק).

ר' הערשעלע: — שש־שאַט, שאַט, לאָזט אים, צום ביישפּיל, אויסריידן!

ר' שלום יעקב: — מיין דוד קען די הייליקע תורה, וועט זיין אַ גוטער, אַ פרומער איד.

ר' זכריה: — (אין די רייד) מיט אַ גראַשדיק פּנים... הויבע שטשאַקעס מיט איינגעפאַלענע באַקן... און אַז דער מערדער, דער פּאַרטיליקער וועט געבן אויף אים אַ בלאָז, וועט ער ווי אַ שטויב אַוועקפליען... איך וויל האָבן פאַר מיין טאָכטער אַן אַרבעטער מיט אַ האַנט ווי אַן אייזן און אַז ער וועט מיט'ן פויסט געבן אַ זעץ אין אַ טיש, זאָל דער טיש אין צווייען זיך צעשפּאַלטן!

שמש — (צו זיך) אַך, עה... אַ ברית מיט אַ פּדיון־הבן...

רב: — וואָס־זשע, ר' זכריה, איז פאַר אונז דער אונטער־שייד צו אַז די אידן וועלן חלילה אויסגע'הרג'עט ווערן און די תורה וועט נישט האָבן קיין קיום, צו אַז אַלע אידן וועלן ווערן בעל מלאכות און די תורה וועט נישט האָבן קיין קיום?...

ר' זכריה: — איך האָב בטחון, איך האָב בטחון, אַז זיי וועלן אין דער תורה נישט פאַרגעסן. מיר טאָרן אָבער איצט נישט טראַכטן צו אידן וועלן שפּעטער לערנען תורה צו נישט!.. דאָס טאָרן מיר איצט נישט טראַכטן. מן הסתמא וועלן זיי יאָ לערנען. איך טראַכט, אַז מיר אידן וועלן דעמאָלט נישט אויס־

געמעקט ווערן פון דער וועלט! מיר וועלן בלייבן לעבן! איך וויל, אַז מיר זאָלן בלייבן לעבן! לעבן! און פּקוח־נפש דוחה שבת — צו ראַטעווען ס׳אידישע לעבן, טאָרן מיר נישט טראַכטן פון שבת!...

ר ב : — (דרייט אַוועק דעם קאָפּ) אַפּיקורסית! (שמש, גייט צו צו ר׳ שלום יעקב׳ן און רעט מיט אים).

ש מ ש : — אין וואָס ר׳ שלום יעקב? איר זעט דאָך!... (קראַצט זיך אין קאָפּ) דאָרט וואַרט אַ ברית און אַ פּדיון־הבן... (שלום יעקב וויל עפּעס זאָגן, ר׳ הערשעלע מישט זיך אַריין).

ר׳ ה ע ר ש ע ל ע : — פאַרגעסט נישט רבי, אַ בפּרוש׳ער פּסוק אין דער גמרא... צום — צום ביישפּיל... דרך־ארץ קדמה לתורה, וועלטלאַכע פליכטן זיינען אַמאָל בילכער ווי לער־נען תורה... דער פּסוק שטיצט זיך טאַקע אויף דעם ענין!

ר׳ ש ל ו ם י ע ק ב : — (אין די רייד. שטעלט זיך אויף) נו, צו וואָס טויג מיר דאָס קריגן זיך, וואָס וועט זיין דער סוף?

ר׳ ה ע ר ש ע ל ע : — וואָס ווילסטו שלום יעקב, זאָל זיין דער סוף? אַז אַלע אידן וועלן ווערן, צום ביישפּיל, אַרבע־טער, וועט דער סוף זיין אַ גוטער...

ר ב : — (טרויעריק) איר אויך, ר׳ הערשעלע?!...

ר׳ ה ע ר ש ע ל ע : — (בייזלאַך) וואָס־זשע, האַ? איך בין נישט קיין איד?... איך וויל אויך ס׳אידישע פאָלק זאָל האָבן אַ קיום!

ש ל ו ם י ע ק ב : — (בייזלאַך) כ׳מיין מיר וועלן דאָ נישט שטיין דעם גאַנצן טאָג, די געשעפטן וואַרטן אויף מיר!

ש מ ש : — (אין די רייד) און דער רבי דאַרף נאָך היינט זיין צום ברית און צום פּדיון־הבן!

ר׳ ה ע ר ש ע ל ע : — נו, זאָלן זיי, צום ביישפּיל, אָפּנע־מען די תנאים, קענסטו זיך גיין צום ברית און פּדיון־הבן און דו, שלום יעקב, צו דיינע געשעפטן.

ל א ה ׳ ט ש ע ; — מיר וועלן די תנאים נישט אָפּנעמען!

ד ו ד : — מאַמע!

ש ל ו ם י ע ק ב : — (וואַרפט אַ בייזן בליק אויף דוד׳ן) מיר נעמען נישט צוריק די תנאים!

ד ו ד : — מיר׳ן יאָ נעמען!

ש ל ו ם י ע ק ב : — דו שוויג, דו!...

ד ו ד : — מיר׳ן יאָ —

שלום יעקב: — (לאָזט זיך צו אים) איך וועל דיר באַלד וואַזן! (עס ווערט אַ געשריי, מען האַלט אים צוריק).

ר׳ הערשעלע: — זע נאָר קענן וועמען ר׳איז אַ שטאַרקער. צום ביישפּיל, אַ קנאַקער... גיי, זעץ דיך, זעץ דיך. (שלום יעקב זעצט זיך) הע, צו וועמען ער כאַפּט זיך שלאָגן... הע...

ר׳ זכריה: — צו וואָס די קריגערייען? דאָס אַרומ־רייסן זיך? איך בעט אייך, נעמט צוריק די תנאים, באַפרייט מיין קינד (ברכה׳לע וויינט) איך וועל אייך געבן אַלעס וואָס איך פאַרמאָג... איך גיב אייך מיין שטוב, אַלץ וואָס אין שטוב... (שלום יעקב שווייגט).

לאה׳טשע: — מיר דאַרפן נישט אייער פאַרמעגן, אָבער די תנאים וועלן מיר נישט צוריקנעמען

שלום יעקב: — (שטעלט זיך אויף צעטראָגן) די תנאים וועלן מיר נישט צוריקנעמען.

רב: — אָבער!...

רביצין: — לאה׳טשע...

לאה׳טשע: — ניין, די תנאים נעמען מיר נישט צוריק! (דאָבע דריקט די וויינענדיקע ברכה׳לע צו זיך און לאָזט טרויעריק אַראָפּ איר קאָפּ).

ר׳ זכריה: — (קאָכט זיך) ניין! נישט אַזוי ריידן מענטשן וואָס זיינען מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן זייער פאָלק. ניין! איר זענט נישט ערלאַך צו אונזער פאָלק. (שטאַרקער) איר זעט ווי ס׳אידישע פאָלק טרינקט זיך און איר שטייט פון וויי־טנס, און אפשר זעט איר גאָרנישט?... און אפשר זעט איר יאָ, נאָר ס׳אַרט אייך נישט?... איר זייט אָנגעשטעקט מיט דער קרענק: „אַלץ פאַר מיר“!... איר זענט שונאים פונ׳ם אידישן פאָלק, שונאים!

רב: — ששששש... ששששש... צו וואָס דאָס שרייען?

ר׳ זכריה: — (בייז) זיי וועלן ביי מיר צוריקנעמען די תנאים! (לאה׳טשע קוקט בייז אויף שלום יעקב׳ן).

שלום יעקב: — מיר וועלן די תנאים נישט צוריק־נעמען.

ר׳ זכריה: — (בייזער) איר וועט יאָ צוריקנעמען.

דאָבע: — זכריה?!...

ר׳ שלום יעקב: — מיר וועלן נישט צוריקנעמען! (ביידע שרייען קלאַפּן אין טיש).

ר׳ הערשעלע: — (צום שמש) נו, הע־הע... עס האַלט־צום ביישפּיל, שמאַל, מיט׳ן ברית און מיט׳ן פּדיון־הבן... כי־כי... (שטאַרקעט אים).

שמש: — (טרויעריק) נע, באַשערט אַ זאָרג... פרעגט מיך, וואָס? ווען? און וואָס אַזוי פּלוצלינג?... (ר׳ זכריה און ר׳ שלום יעקב קריגן זיך אַלץ עס ווערט רויט די גאַס. קלויסטער גלעקער הייבן אָן קלינגען. אַלע בלייבן שטיין דערשראָקן. אַ איד באַווייזט זיך אין פענסטער).

איד אין פענסטער: — דעם פּאַרוטשניק׳ס הויז ברענט! רבי, ראַטעוועט אייך!!... (פאַרשווינד. ר׳ זכריה שטעלט זיך גיך ביים טיר און לאָזט קיינעם נישט אַרויס).

ר׳ זכריה: — נעמסט, שלום יעקב נישט צוריק די תנאים, גייט קיינער נישט אַרויס פון דאַנען... וואָס גייט מיך אָן דאָס פייער אין דרויסן, ווען מיין אייגן פייער, ביי מיר אין שטוב איז נישט פאַרלאָשן?! (אַלע לאָזן זיך צו די פענסטער אָבער ר׳ הערשעלע און דוד שטיין דאָרט און פּאָכן מיט שטעקנס, לאָזן קיינעם נישט אַרויס. פאָרהאַנג פאַלט שנעל).

דריטער אַקט

דריטער אקט

די סצענע — א חסידי׳ש שטיבל.

רעכטס פּאָליצעס מיט ספרים. נידעריקער אין הינטער־גרונט, ווי אַ דלת, שטייען צוויי בענק ארום אַ טיש. נאָכ׳ן טיש אין הינטערגרונט איז אַ טיר צו דער גאַס. אין ביידע זייטן טיר זיינען דאָ פענסטער. לעבן איין פענסטער—אַ פּאַס וואַסער. ס׳הענגט אַ האַנטוך. אויף אַ קעסטל דערנעבן שטייט אַ קליין פעסל. אַ בלעכענע שעפּ. פון צווייטן פענסטער אָפּ־געריקט שטייט דער קאָבליווער אויוון. דער עמוד און אַן ארון־קודש. צווישן ארון־קודש און די גאַנצע וואַנט, לינקס, וואָס האָט צוויי פענסטער, שטייט אַ לאַנגער טיש מיט לאַנגע בענק אַרומגענומען. שטענדערס מיט אָפענע און פאַרמאַכטע ספרים שטיין דאָ און דאָרט. אין מיטן שטוב אַ הויכער טיש צום לייענען. אַ מזרח און עטלאַכע בילדער פון ארץ־ישראל. ס׳איז נאָך טאָג נענטער צו נאַכט צו. די שטראַלן פון דער אונטערגייענדער זון שיינען דורך די פענסטער. ביים טיש רעכטס, אַ בחור, אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיט ביידע הענט, שלאָפט און כראָפּעט שטיל. אין הינטערגרונט, אין ווינקל, זיצן און שטיין לערנער ביי אויפגעמאַכטע ספרים, אַלע יונגע און ריידן. ביים צווייטן טיש זיצן אייניקע און לערנען פאַרטיפט. דער שמש לייגט צונויף די אַנגעוואָרפענע ספרים, פּאַרעט זיך די גאַנצע צייט. עס דערטראָגט זיך דאָס געשפּרעך.

תנחום: — וואָס פאַרשטייטסו דאָ נישט? טפּש!...
ער וויל נישט קיין לערנער, ער וויל האָבן אַ פּראָסטן בעל־מלאכה.

אייניקע: — טצא, טצא, טצא!...

תנחום: — ער טענה׳ט, באַשר, אַז דאָס וועט ראַטעווען ס׳אידישע פאָלק, אַז מיר אידן וועלן זיך נעמען צו מלאכה און אַרבעטן שווער, טענה׳ט ער, וועלן מיר אַ סך עסן און ווערן גע־

זינטער, און אַז מיר וועלן זיין געזונטע, וועט דער גוי פאַר אונז מורא האָבן.

נ ט ע : — עפּעס אמת ליגט אין דעם... (כאַפּט זיך צוריק) כ'מיין, אַז מיר וואָלטן זיין געזונטע וואָלט טאַקע אפשר זיין אַנ־דערש.

ל י י ב ע ל : — געזונטער, שמונטער, וואָס געזונטער?... אַט איז לוי יצחק אַ געזונטער. אביסעלע געזונטער פון ר' זכריה'ן, האַ?... און פונדעסטוועגן האָט לוי יצחק מורא געהאַט און גע־וויינט פאַר'ן גוי און דער שוואַכער ר' זכריה האָט זיך געשטעלט אַנטקעגן און נאָך געשלאָגן דעם גוי. נו, איז וואָס אַזאַ שטייגער, איך בעט אייך, האָט דאָס צו טאָן מיט געזונטקייט? ניין, נישט דאָס געזונטקייט שפּילט דער עיקר נאָר דאָס איינשטעלן, דער בטחון אין זיך...

נ ט ע : — ני, טאַקע דערפאַר טענה'ט ר' זכריה, אַז מיר דאַרפן ווערן שטאַרק, ווייל מיר האָבן פאַרלוירן דעם בטחון אין אונזער גבורה. און נישט מיר, נאָר אַפילו זיי, די גוים גלויבן גאָר־נישט, אַז מיר זיינען אַמאָל געווען אַ שטאַרקע אומה... און וואָלט לוי יצחק געגלויבט אין זיין שטאַרקייט, וואָלט ער זיך געווערט און נישט געלאָזט זיך אַזוי שלאָגן, און נאָך פון אַ שכור!

ת נ ח ו ם : — (אין די רייד) ס'אַ משל דקאמרי רביצין. ווי לוי יצחק אַליין פאַרציילט, האָט זיך דאָ נישט געהאַנדעלט פון גע־זונטקייט. ווי לוי יצחק פאַרציילט, איז דער גוי געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט געקענט דער'הרג'ענען אַזעלכע צען זכריה'ס און אַפילו אַזאַ גבור ווי דו אויך... (געלעכטער). דאָ איז געשיין אַ נס. (צו אַלעמען) דער גוי האָט זיך פּשוט דערשראָקן פאַר ר' זכריה'ס אויסזען. לוי יצחק פאַרציילט דאָך, אַז ר' זכריה האָט געקראָגן אַ מאָדנעם אויסזען. די באָרד און פאות האָבן זיך צע־שפּרייט און אָפּגעשטאַנען, די אויגן זיינע האָבן זיך אָנגע־צונדן אין האָבן געברענט מיט אַ שרעקנדיק פייער. מיט'ן אויפ־געהויבענעם שטעקן און דאָס כאַלאַטל צעשפּרייט פונ'ם ווינט האָט ער אויסגעזען, ווי אַ... אַ... כ'ווייס? לוי יצחק אַליין פאַרציילט, אַז ער האָט זיך דערשראָקן פאַר אים.

א י י נ י ק ע : — טצע, טצע, טצע!..

ת נ ח ו ם : — והא ראיה, דעם אַנדערן טאָג באַלד, האָט דאָך דער גוי געשיקט ר' זכריה'ן איבערבעטן.

א י י נע ר : — און עס לייגט זיך אויפ'ן שכל, אַז ווען דער

גוי וואָלט זיך פאַר ר' זכריה'ן נישט דערשראָקן, וואָלט ער גיכער געקומען זיך אויסשלאָגן, אָדער אַלע אידן אויסגע'הרג'עט...

נ ט ע: — איז טאַקע ר' זכריה ווייטער גערעכט... מיר מוזן ווערן שטאַרק... אַלע מאָל געשען דאָך נישט קיין נסים... אָבער, אַז דער גוי וועט זען, אַז מיר גיבן צוריק, און אַז מיר גיבן שטאַרק צוריק, וועט ער מורא האָבן, וועט ער... וועט ער... וועט...

ת נ ח ו ם: — (אין די רייד) וועט ער... וועט ער... עה, גיי טענה זיך אוים מיט אַ בטלן!... אויף אַלעם וועט ער געפינען אַ פּלפּול. אַז מען זאָגט דיר. דער גוי האָט זיך דערשראָקן, האָט ער זיך דערשראָקן! (צו די איבעריקע) נישט אַזוי?...

א י י נ י ק ע: — נו, זיכער, געוויס. עס האָט זיך אודאי דערשראָקן.

ת נ ח ו ם: — אויף געוויס, האָט ער זיך דערשראָקן. וואָס דען?... (מיט שפּאָט) ניין, ער האָט זיך נישט דערשראָקן פאַר ר' זכריה'ס אויסזען, נאָר ער האָט מורא געהאַט, אַז דער ריז, ר' זכריה וועט אים מאַכן אַ מישקאַנטע!... (געלעכער. דער שלאָפנדער בראָפּעט העכער).

נ ט ע: — איך זאָג דען אַז נישט? אודאי האָט ער זיך דערשראָקען פאַר ר' זכריה'ס אויסזעהן. אַז נישט, וואָלט ער, דער גוי, זיי חלילה געווען דער'הרג'עט.

ת נ ח ו ם: — (ווי אַ סוד) מען שמועסט (קוקט זיך ארום) מען שמועסט, אַז מען וועט נאָך אפשר איהם, עה... כמיין ר' זכריה'ן, ארייגלייגען אין די דריי אותיות...

א י י נ י ק ע: — וואָס ריידסטו? טצא, טצא, טצא! ר' זכריה'לע דיין!... (שאָקלען מיט די קעפּ.)

ת נ ח ו ם: — וואָס דען? באַליידיקט אַזוי ס'אידישקייט!

נ ט ע: — און איך, זעסטו, פאַרשטיי ניט, מיט וואָס ער האָט אַזוי באַליידיקט ס'אידישקייט...

ת נ ח ו ם: — אָט האָסטו דיר, נו! גיסט אים גערעכט. האַ?!... ווערסט אפשר צושטיין צו די חברה ארבעטערס וואָס ער האָט אַרום זיך און ווערען אַ זייעריקער?

א י י נ י ק ע: — וואָס־זשע, ער האָט שוין טאַקע אַ חברה אַרבעטערס אויך ארום זיך?...

ת נ ח ו ם: — (מיט שפּאָט) אוי, בטלנים!... (כאַפּט זיך ביים קאָפּ) גוט מאַרגען, אידן, שלום־עליכם, פון וואַנען קומט עז, פון פינטשעף?!... אודאי האָט ער!... ער גייט דאָך

ארום אין די גאַסן און ווען ער טרעפט אַן ריידט ער צו ווערן אַ בעל־מלאכה, אַן ארבעטער... דאַדורך טאַקע ווען מען אים אפשר אריינלייגן אין... (קוקט זיך ארום) מען שמועסט, אַז ער האָט שוין אַ צוועלף אָדער פערצן צוגערעדט. (ווייזט אויפ׳ן שלאָפּענדן) אויך דער ליטוואַק, זאָגט מען, איז איינער פון זיי.

א י י נ י ק ע: — אוי־וואַ, אוי־וואַ!

ת נ ח ו ם: — און די געשיכטע ביים רב? די דין־תורה? דאָס איז דאָך אַ געוואַלט! אַ זאַך וואָס איז קיינמאָל ניט געהערט געוואָרן ביי אידן! הערט דאָס אומישנע פון שמש׳ם מויל. ער איז געווען דערביי. ר׳ שמואל!

ש מ ש: — וואָס אַזוינס?

א י י נ י ק ע: — זייט אַזוי גוט. (שמש קומט צו.)

ת נ ח ו ם: — דערציילט זיי אומישנע —

ש מ ש: — (אין די רייד) שוין ווייטער די מעשה ביים רב אין הויז? בטלנים (וויל גיין) איר וועט מיך דערמוטשן! (אייניקע האַלטן אים צו.)

א י י נ י ק ע: — דערציילט, דערציילט, ר׳ שמואל. מיר האָבן דאָס נאָך ניט געהערט (צווישן זיך) ס׳קער צו זיין אַ שיינע מעשה...

ש מ ש: — (דרייט זיך) האָט ווער פון אייך אַ פּאַפּיראָסל? (מען גיט אים. ער פּאַרויכערט.)

ש מ ש: — דעם אָנהויב האָט עס דאָך שוין מן־הסתם געהערט. ר׳ זכריה האָט אָפּגעשיקט שלום יעקבן די תנאים און שלום יעקב האָט זיי נישט געוואָלט אָפּנעמען און גערופן ר׳ זכריה׳ן צום רב. איז ער געקומען צום רב מיט ר׳ הערשעלע׳ן. ר׳ הערשעלע איז אויך איינער פון זיינע...

א י י נ י ק ע: — אַזוי! טצא, טצא, דער אַלטער ר׳ הערשעלע?

ש מ ש: — ער האָט געגנוג אַן ר׳ הערשעלע׳ן... יאָ. נישט לאַנג צו ברייען: מען האָט זיך אָנגעהויבן קריגן. דער טענה׳עט: וועסט יאָ צוריקנעמען די תנאים; און דער: איך וועל נישט צוריקנעמען די תנאים. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט — ביז מען הייבט זיך אָן צו קריגן און מיט אַמאָל שרייט אימיצער אריין אין פענסטער, אַז ס׳ברענט. די קלויסטערס, להבדיל, הויבן אָן קלינגען, פלאַמען באַווייזן זיך. אויף דער גאַס לויפן מענשן

ארום צעטראָגן. מען שרייט, מען וויינט. גיבן מיר זיך אַלע אַ לאָז צו דער טיר. — ערשט ר' זכריה שטעלט זיך דאָרט אוועק מיט'ן שטעקן איז האַנט און לאָזט קיינעם נישט ארויס, ביז שלום יעקב וועט ניט צוריקנעמען די תנאים, גיבן מיר זיך אַלע אַ לאָז צום פענסטער, — ערשט ר' הערשעלע שטייט ביי איין זייט און דוד ביים צווייטן זייט, לאָזן אויך נישט.

א י י נ י ק ע: — אַזוי! אוי־וואַ... דוד אליין אויך! טצאַ, טצאַ!...

ש מ ש: — האָט דער רב אַליין זיך אַריינגעמישט און געזאָגט: שלום יעקב, נעם צוריק די תנאים. דער שידוך איז אויס! ר' שלום יעקב האָט גלייך געפאָלגט. און צו ר' זכריה'ן האָט דער רב געזאָגט: איך ווייס נישט, ר' זכריה, וואָס פון אייך איז געוואָרן. איר האַנדלט עפּעס גאָר נישט ווי קיין איד! דערויף האָט זיך ר' זכריה אויסגעהוסט און באַלד געענטפערט: איר מיינט צו זאָגן, רבי, אַז איך האַנדל נישט ווי אַ איד — אַ סוחר!... איך האָב חרטה אויפ'ן שידוך און חרטה איז נישט מעשה סוחר... דאָס אויסהערנדיק האָט זיך ר' הערשעלע אַזוי צעלאַכט, אַז איך הער נאָך זיין געלעכטער איצט.

ת נ ח ו ם: — נו, וואָס זאָגט איר איצט?

א י י נ י ק ע: — נע, נע... טאַקע פּלאַי־פּלאַים... אַזעלכעס איז נאָך קיינמאָל נישט געהערט געוואָרן. און ר' הערשעלע... און דוד... דוד האָט זיך אַליין אוועקגעשטעלט ביים פענס־טער... (דוד קומט אריין, קיינער באַמערקט אים ניט.)

ש מ ש: — דערווייל איז גלייכער נישט צו האָבן קיינע עסקים מיט ר' זכריה'ן... עס קען זיין אַז ביי דער אסיפה היינט ביינאַכט זאָל מען אים אריינלייגן אין די דריי אותיות...

א י י נ י ק ע: — אוי־וואַ, וואַ... נו, דערווייל איז טאַקע גלייכער פון אים זיך אָפּצוקערן.

ש מ ש: — איך ווייס נאָך עפּעס, ווייס איך —

א ל ע: — (אין די רייד) אַז וואָס?

ש מ ש: — נו, עט... (וויל אַוועקגיין.)

א ל ע: — וואָס איז עס אַזוינס, ר' שמואל?

א י י נ י ק ע: — (גיבן אים פּאַפּיראָסן) אָבער, דאָך?

ש מ ש: — איך ווייס אויף זיכער. (בויגט זיך צו) ר' זכריה, זיין ווייב און זייער טאָכטער, אויך ר' הערשעלע, זענען געכטן

נעווען אין מאַלקיף, אויף אַ זעהעכץ... איך ווייס עס... דער דאַרטיקער שמיד'ס זון איז דער חתן...

א י י נ י ק ע: — טאַ־קע? ! (שאָקלען מיט די קעפּ.)

ש מ ש: — אמת, ווי איך בין אַ איד. (דוד ציט זיך צוריק. אָפּ.)

ת נ ח ו ם: — (מיט אַ גמרא ניגון) אַט האָט איר עס! דוד, דער גרויסער לערנער, דער פייערדיקער קאָפּ, האָט נישט געטויגט, נאָר דעם שמיד'ס זון, דער דאָרפישער „כלאָפּ מיט פּלייצעס", דער אַרבעטער — איז גוט. (דער שלאָפּענדער בראָפּעט העכער.)

נ ט ע: — (צום שמש) זאָגט איר, ר' שמואל, אַז ער האָט שוין אַ סך אַנהענגערס, האַ?... און זיי זענען, הייסט עס, אַלע אַרבעטער?...

ת נ ח ו ם: — זע נאַר, וואָס פרעגסטו זיך אַזוי נאָך?

א י י נ ע ר: — ווילסט אפשר אויך ווערן אַן אַרבעטער און אוים איד?...

ש מ ש: — ער האָט אַ סך שוין... (שטילער) מען זאָגט (קוקט מיט חשד אויפ'ן שלאָפענדן) אַז ער האָט צוגעצויגן שוין אַ סך לערנער.

נ ט ע: — אַזוי, אַזוי... מען זאָגט, זאָגט איר...

ל י י ב ע ל: — (ווישט זיך דעם שווייס) עך, ס'איז אַזוי היים היינט. איך וואָל געווען אַ בעלן צוצוגיין צום פּלומפּ און אַ טרונק טוען קאַלטע וואַסער... ווילסט אַביסל גיין, נטע?...

נ ט ע: — מיך אַליין דורשט אויכעט... (ביידע גייען ארויס.)

ת נ ח ו ם: — (קוקט זיי נאָך) עפּעס געפעלן זיי מיר ניט... כ'וואָלט געקענט שווערן, אַז זיי גייען זיך אַנשליסן אין די אַר־בעטערס...

א י י נ י ק ע: — ס'ווייזט זיך אַזוי אויס.

ת נ ח ו ם: — (צו איינעם) גיי אומישנע זיי נאָך... (דער געשיקטער ווינקט מיט אַן אויגעל: „קענסט זיך פאַרלאָזן" און פאַרשווינדט. דער שלאָפענדער בראָפּעט גאַנץ הויך.)

ש מ ש: — טע, טע... צייטן... עט... אויף אַזאַ ר' זכריה'ן... ר' הערשעלען... (הייבט די אַקסלען) ווער וואָלט זיך גערעכנט?... (נעמט זיך צוריק צו זיין אַרבעט. דער שלאָפענדער בראָפּעט העכער.)

א י י נ ע ר: — (גיט אַ וואונק מיט'ן אויג) ווי ער רעש'ט דאָס אין אַ מקום קדוש, אַפנים אַז אַזוי מוז רעש'ן די קאַליע...

א צוויי טער: — אפשר וואָלט מען אים געמאַכט אַ פּאַנפּע?...

תנחום: — פאַר וואָס דען נישט?... (מען נעמט אַ שטיק פּאַפּיר און מען וויקלט דאָס צונויף. דעם שפּיץ טונקט מען איין אין נאַפט, מען זעצט דאָס אריין אין שלאָפענדענ'ס אַרבעל אָדער אויי־נער האַלט דאָס גאָר נאָענט צו אים. מען ציגדט דאָס אָן. אימיצער גיט דעם שלאָפנדן אַ שטויס און אַלע שרייען: „פייער!“ „עס ברענט!“ דער שלאָפענדער כאַפּט זיך אויף מיט אַ גוואַלד. אַלע לאַכן.)

איינער: — ר'וועט וויסן ווי צו כראָפּען אין אַ מקום קדוש...

אַ צווייטער: — מן הסתם געהאַט זינדיקע חלומות...

איינער: — אפשר האָט זיך אים גע'חלום'ט אַרבעטער? (געלעכטער. דער שלאָפענדער קומט צו זיך ביים טיר.)

שלאָפענדער: — טפו זאָלט איר אַלע ווערן! אַ פייער זאָל אייך אַלעמען ארומכאַפּן און אייך עוקר מן השורש זיין! בטלנים וואָס איר זיינט! כניאָקעס! (אָפּ. געלעכטער.)

איינער: — ווי ער האָט זיך עס דערשראָקן.

צווייטער: — און געשפּרונגען!

דריטער: — ווי אַ ציג! (געלעכטער.)

צווייטער: — געוואָרן בייז. אַ ליטוואַק בלייבט אַ ליטוואַק... (געלעכטער.)

דריטער: — (קוקט דורכ'ן פענסטער.) דער משוגענער יחיאל גייט אַהער.

צווייטער: — (קוקט אויך אַרויס.) פאַרשוויצט און צעכראַסטעט...

איינער: — ס'וואָלט געווען אַ יושר מען זאָל אים מכבד זיין מיט אַ שעפּ וואַסער...

שמש: — ניין, ניין. איך לאָז נישט; ס'מאַכט מיר אָן אַ בלאָטע!...

תנחום: — מיר וועלן דאָס אויסווישן. (גיט אַ וואונק צו איינעם. יענער פאַרשטייט. גיט דעם שמש אַ פּאַפּיראָסל. דער לעצטער גיט אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט זאָגן: „עד!“ און גייט צוריק צו זיין אַרבעט, קוקט אָבער מיט נייגיריגקייט צו דער טיר. איינער שטעלט ארויף אַ שעפּ וואַסער אויף דער טיר, אַזוי אַז ווען יענער מאַכט אויף די טיר מוז ער אָפּגעגאָסן ווערן. אַלע שטעלן און זעצן זיך איום ביים טיש אין דער פריערדיקער פּאָזע. יחיאל

קומט אריין. די שעפּ פאַלט אויף אים און ער ווערט אָפּגעגאָסן. איינגעהאַלטענער געלעכטער.)

י ח י א ל: — אוי!... (שטילער.) יעדער, ווער עס האָט ניט גאָט אין הארצן, לאָזט די צרות זיינע אויס צו מיר... (שטאַרקער.) פאַר וואָס זוכן זיי אים נישט אוים? !... וואָס בין איך שולדיק. איך ווייס דען וואו גאָט איז? !... איך אליין זוך אים ארום און קען אים ניט געפינען...

א י י נ ע ר: — (פון צווייטן טיש.) וואַרפט אים ארויס. אין א מקום קדוש אַזעלכע רייד...

ת נ ח ו ם: — ער איז אַזוי נאַס, א רחמנות... (באַלד) אַזוי, יחיאל, זוכסטו גאָר ארום גאָט?...

א י י נ ע ר: — (אין שפּאַס) צו וואָס דאַרפסטו אים, יחיאל?

י ח י א ל: — ווי הייסט?... איך וויל אים פרעגן וואו איך קען זיך טרעפן מיט משיח'ן... (ווי אַ סוד) משיח איז דאָ... יאָ, יאָ, קיינער ווייסט עס נישט... שששש... שששש... דער הימל האָט דאָס מיר דערציילט... (שאָקלט מיט'ן קאָפּ אויף יאָ).

ת נ ח ו ם: — אַזוי?!...

י ח י א ל: — (שאָקלט אַלץ מיט'ן קאָפּ און לאַכט ווילד.) יאַ־אַ־אַ... כי־כי... ער דרייט זיך ארום ביי אונז אין שטאָט. איך ווייס עס אויף זיכער... איך... איך ווייס נאָר נישט, וואו ער איז און ווער ער איז... (פּלוצלונג) איך וויל האָבן הענט!... (וויינט) שפּענער האָב איך, ניש קיין הענט... שפּענער, שפּענער, שפּענער... איך קען קיין שטעקן מיט זיי ניט אָננעמען, זיך צו פאַרטיידיקן פון די בייזע הינט וואָס באַפאַלן און צעבייסן מיך... (וויינט) שפּע־ע־ע־נער!... שפּע־ע־ע־נער!... איך וויל האָבן הענט!...

ת נ ח ו ם: — (אין שפּאַס) נאַדיר מיינע הענט. (יחיאל כאַפּט זיי אָן מיט פרייד, באַטראַכט זיי, ווערט אומעטיק און לאָזט זיי אָפּ.)

י ח י א ל: — אויך שפּענער...

א י י נ י ק ע: — און מיינע! און מיינע! (אַלע שטופּן אים די הענט. ער באַטראַכט זיי פול מיט ליידנשאַפט. ער ווערט ווי פריער טרויעריק) אויך שפּענער...

א י י נ ע ר: — מען וואָלט אים באַדאַרפט מאַכן א מישקאַנטע!

ת נ ח ו ם: — אים צו ווייזן אַז מיר האָבן הענט!...

אייניקער: — (לאַכט.) שפענער גאַר. כע־כע!...
תנחום: — חברה, לייגט אים אַריבער. (מען נעמט אים.)
אייניקע: — אויפ'ן טיש! אויפ'ן טיש! אַט־אַ־דאַ!
(מען לייגט אים אריבער אויפ'ן טיש און מען שמייסט אים.)

יחיאל: — (לאַכט צוערשט שטיל, נאכהער אַלץ ווילדער.) כאַ־כאַ־כאַ!... כי־כי, אוי!... אוי, קיצלט מיך נישט... אוי! כאַ־כאַ־כאַ... כי־כי, אוי!... נעמט אַוועק אייערע שפענער... קיצלט נישט... אוי! כי־כי־כי... (מען שלאָגט אים אַלץ שטאַרקער. ער לאַכט אַלץ העכער.) שפענער!... שפענער!... (ר' זכריה קומט אריין אומבאַמערקט.)

ר' זכריה: — וואָס טוט איר?! (מען לאָזט אָפּ יחיאל'ן. ער קריכט ארונטער פון טיש. לאַכט ווילד און רייצט זיך.)

יחיאל: — הע־הע־הע־הע, שפענער!... שפענער... שפענער!... כע־כע־כע... (ער דערזעט ר' זכריה'ן, ציטערט ער אויף. וואַרפט זיך צו זיינע פיס.) ר' זכריה?!...

ר' זכריה: — וואָס האָט איר צום אומגליקלאַכן?... איר, איר ליידיג־גייער!... בטלנים!... שפענער!... (קורצע פּאַוזע. בייגט זיך אראָפּ צו יחיאל'ן. גלעט אים.) הייב דיך אויף, יחיאל! (אַלע בלייבן שטיין אין אַ שטומער פּויזע.) הייב דיך אויף...

יחיאל: — (מיט אַ געבעט צו ר' זכריה'ן.) איך וויל האָבן הענט!... — — — (ר' זכריה קוקט זיך ארום. אַלע דרייען זיך אָפּ.)

ר' זכריה: — (שאָקלט מיט'ן קאָפּ) ניין. נישט דאָ. מיין זון. וועסט דו זיי קריגן... (לאָזט ארונטער זיין קאָפּ. גייט שטיל אַרויס. קורצע שטומע פּאַוזע. יחיאל כאַפּט זיך פּלוצלונג אויף צערודערט.)

יחיאל: — ער מוז וויסן וואו גאָט איז!... כ'וועל אים פרעגן!... (לויפט מיט אַ פּראַל ארויס. אַלע בלייבן אויף זייערע ערטער דערשראָקן. פאָרהאַנג פאַלט גיך.)

פערטער אַקט

פערטער אקט

די סצענע שטעלט פאר די שול־גאס. רעכטס איז ר' זכריה'ס הויז. נידעריקער צום הינטערגרונט איז א ברייטע גאס. עס זעהן זיך פילע הייזער און דורכגייענדע פון צייט צו צייט. לינקס אין הינטערגרונט איז די שול, און אוועג צו אנדערע גאסן. אין ר' זכריה'ס הויז איז ליכטיק. עס קומט פאר די תתונה פון ברכה'לע מיט'ן שמיד'ס זון. ווען מען מאכט אויף די טיר, וועלכע איז מיט עטלאבע טרעפ ארויפצוגיין הערט זיך מוזיק. עס איז פארנאכט, פינס־טערלאך. דוד גייט דורך, בלייבט שטיין לעבן די שול. קוקט צו די טיר פון ר' זכריה'ס הויז.)

ד ו ד: — (צו זיך.) האבן מיך געהאלטן פארשלאסן א גאנצן טאג, ווי א הונט אויף דער קייט. זיי שעמען זיך צו ווייזן אויף דער גאס. נו, וואס־זשע, איז עס דען ניט אמת?... מיר זיינען אויסגעדראשן שטרוי... מיר קענען דעם בנין מיט אונזערע שווערע כוחות, ניט אונטערהאלטן!... מיר מוזן האבן פעסטע באלקענס, שטארקע אקסעל און פלייצעס... מיר מוזן האבן: הענט! הענט! הענט!... (עס הערט זיך עמיצענס קומען. באהאלט זיך. פון רעכטס קומען אן צוויי טונקעלע פיגורען. גייען דורך די סצענע און בלייבן שטיין אין מיטן.)

ע ר ש ט ע ר: — יעדער זאך איז אין דער ריכטיקער אָרדע־נונג. תנחום'ען מיט פיר פורען האב איך אוועקגעשיקט אין וואלד. זיי וועלן אפשרעקן די מחותנים און זיי הייסן צוריק־פארן...

צ ו ו י י ט ע ר: — דאס איז גוט... האט דיר שלום יעקב געגעבן גענוג געלט צו באצאלן די פורען?...

ע ר ש ט ע ר: — צען טויזנט מארק...

צ ו ו י י ט ע ר: — נו?...

ע ר ש ט ע ר: — פיר פורן — פיר טויזנט מארק... תנחום טויזנט מארק און מיר און דיר צו צוויי טויזנט מארק... (גיט אים געלט.)

צ ו ו י י ט ע ר: — מע... און ווייטער?...

ע ר ש ט ע ר: — כ'האָב מורא אַז עס וועט אונז ניט אָנ־קומען אַזוי גרינג אַלעס. די אַרבעטער דאַ, ווערן מער און מער. איך בין געוואָר געוואָרן, אַז צו זיי זיינען צוגעשטאַנען נאָך לערנערס: נטע, לייבל און דער ליטוואַק איציק. זיי האַלטן אין איין צורייזן אַנדערע לערנער...

צ ו ו י י ט ע ר: — ניש'קשה, מיר וועלן מיט זיי היינט לערנען בלק...

ע ר ש ט ע ר: — אויך דוד איז מיט זיי.

צ ו ו י י ט ע ר: — דוד... המ־ם. זע אַז שלום יעקב זאָל דערפון נישט געוואָר ווערן.

ע ר ש ט ע ר: — דאָס פאַרשטיי איך. אַט קומט שלום יעקב.

ש ל ו ם י ע ק ב: — נו?...

ע ר ש ט ע ר: — באַשטעלט די פורן...

צ ו ו י י ט ע ר: — מ'וועט זיי דאָרט אויפהאַלטן...

ש ל ו ם י ע ק ב: — און —

צ ו ו י י ט ע ר: — ווען מ'וועט זיך אָנהייבן צוצוגיין, וועט מען זיי ווייזן ווער עלטער איז...

ע ר ש ט ע ר: — וועלן זיי שוין וויסן!...

צ ו ו י י ט ע ר: — וועט זיך זיי שוין מער נישט גלוסטן צו ווערן אַרבעטער און צעברעכן ס'אידישקייט...

ש ל ו ם י ע ק ב: — און אויב דעם חתן מיט די מחותנים וועט דאָך געלינגען צו קומען?

צ ו ו י י ט ע ר: — וועלן מיר דאָס אָנהויבן ביי דער חופּה. (קורצע פּאַוזע.)

ש ל ו ם י ע ק ב: — גוט. (אָפּ.)

ע ר ש ט ע ר: — ביי דער חופּה וועט עס זיין אַביסל שווערלאַך... אַזויפיל מענשן...

צ ו ו י י ט ע ר: — איך וועל אונטערצינדן ר' זכריה'ס הויז, וועלן אַ סך לויפן ראַטעווען...

ע ר ש ט ע ר: — אַזוי... כע־כע... איך פאַרשטיי... אַ גוטער פּלאַן... (עס הערט זיך קומען. שטרענגען זיך אָן צו זען ווער עס קומט.) דאָס איז דער משוגענער יחיאל.

צ ו ו י י ט ע ר: — נו, לאָמיר אַריינגיין.

ע ר ש ט ע ר: — לאָמיר אַריינגיין. (ביידע גייען אַריין איי

ר׳ זכריה׳ס הויז. ביי דער שיין פון שטוב זעט מען זייערע פנים׳ער. זיי זיינען: שמואל דער שמש און לוי יצחק דער מלמד.)

ד ו ד: — (לאכט ביטער.) דער מלמד און דער שמש פאר־טיידיקן זייערע קרוינען... (לאזט זיך צו די טרעפ פון ר׳ זכריה׳ס הויז. בלייבט שטיין אין דער ליכט.) אויסזאגן?... צו וואס?... (באשטימט) לוי יצחק און דער שמש האבן אויך הייזער! (פאר־שווינט אין דער זייטיקער גאס. יחיאל קומט אן.)

י ח י א ל: — ער איז זיכער דא ביי אונז אין שטאט... אבער ווער ווייסט, ווער ער איז און וואו ער איז?... עהן!... ווען די הימלען וואלטן נישט זיין פינסטער איצט! זיי וואלטן מיר שוין אלץ דערציילט... זעסטו, ווען איך וואלט געהאט הענט, עהן!... ווען איך וואלט געהאט הענט און ניט קיין שפענער, וואלט איך איצט מיט גאנצן כוח די שווארצע לייל־אכער פונ׳ם הימל געגעבן א ריס, א ריס קריעה, אז די וועלט וואלט געציטערט! (שטילער) אזוי אבער... (קורצע פאזע) עד,, פינסטערע שפענער! וויסטע שפענער! (ווארפט די הענט, ווי ער וואלט זיי וועלן אוועקווארפן. גייט הינטערווייל־אכטס אפ. ריידנדיק צו זיך) שפענער... שפענער... שפע... (אפ.)

ד א ב ע: — (קומט ארויס, בריכט די הענט, קוקט אין אלע זייטן.) וויי איז מיר! די מחותנים מיט׳ן חתן זענען נאך אלץ ניט געקומען. וואס קען דאס באטייטן? (ווישט זיך די אויגן. עס קומען ארויס ר׳ זכריה און ר׳ הערשעלע).

ר׳ ז כ ר י ה: — שוין ווייטער אין דרויסן? זיי וועלן קומען! זיי וועלן קומען! זיי וועלן מיט גאט׳ס הילף קומען... גיי, דאבע, אריין אין שטוב. זע די געסט זאלן זיך משמח זיין. מיר קומען אויך באלד אריין. (פירט איר צו צום טיר און לאזט איר אריין. צו ר׳ הערשעלען:) איך אליין, ר׳ הערשעלע, האב שוין אויך באלד פארלוירן דעם בטחון. זאל מיך גאט נישט שטראפן פאר די רייד...

ר׳ ה ע ר ש ע ל ע: — עה, זכריה, ביסט דאך שוין, צום ביישפיל, באלד ווי די אידענע... פע, זכריה... פע!... זיי וועלן קומען. ניש׳קשה... מן הסתם אן אקס אדער א ראד צעבראכן געווארן. המ־ם... נו, האסט אפשר מורא אז זיי קענען דאס ניט פארעכטן? הע, הע... (שטארקעט אים פריילאך אין זייט.) אויפ׳ן ערגסטן פאל קען דער חתן, די פור מיט אלע — צום ביישפיל — מחותנים. מיט... מיט... מיט הכל בכל, ברענגען אויף די פליי־

צעם צוטאַשטשען, כע־כע!...

ר' זכריה: — טייערער ר' הערשעלע! (דריקט אים די הענט) עס איז דאָך שוין אָבער האַלב צען!

ר' הערשעלע: — נו, קומט־זשע אַריין, וועלן מיר, המ־ם... נו, וועלן מיר, צום ביישפּיל, צוגרייטן די כתובה... (פון די ברייטערע גאַס קומען אָן עטלאַכע מיידלאַך.)

איינ יקע: — אַ גוטן נאָוונט, ר' הערשעלע! דער חתן איז שוין דאָ?

ר' הערשעלע: — ער'ט אם ירצה השם באַלד אָנקומען. (מאַכט אויף די טיר. פון דרויסן נאָך טאַנצט ער און רעדט) לעבעדיקער, צום ביישפּיל!... לעבעדיקער! לעבעדיקער! האָפּטשאַ! האַפּטשאַ! האָפּיי! האָפּיי!... שטאַרקער! האָפּיי! האָפּיי!... (פאַרשווינדט מיט ר' זכריה'ן אין הויז, מאַכט צו די טיר. די מיידלאַך לאַכן הויך.)

איינע: — ער איז גוט פאַרקנאַקט!... (גייען אַרויף אויפ'ן גאַניקל און קוקן אַריין דורכ'ן שליסל לאָך פון טיר. דריי יונגעלייט קומען.)

איינער: — ווי אַזוי קריגט מען זיי אַרויס?

צווייטער: — אַריינשיקן עמיצן?

דריטער: — ניין, דאָס טאָרן מיר נישט. עס קען נאָך פאַלן אַ חשד אַז מיר זענען געווען געוואָר געוואָרן זייער פּלאַן... וואַרט... (קראַצט זיך די פּאַטעלניצע.) איך האָב אַ פּלאַן. מיר'ן צוגיין און ריידן מיט די מיידלאַך, איינער פון אונז וועט ביסלאַכווייז אויפמאַכן די טיר און מיר וועלן זיי אַריינשטופּן. ס'וועט ווערן אַ געלעכטער און מיר וועלן שוין זען איינעם פון אונזערע. (די אַנדערע צוויי לאַכן פונ'ם פּלאַן, קלאַפּן אים אין פּלייצע: „ליטוואַק גנב"... און אַלע דריי קומען צו צום גאַניק, קוקן פריער אַריין דורך די פענסטער אויף די שפּיץ פינגער און גייען ביסלאַכווייז אַרויף די עטלאַכע טרעפּלאַך.)

איינער: — (צו די מיידלאַך.) שוין געווען די חופּה?

איינע: — ווי אַזוי, אַז דער חתן קומט גאָר נישט?!...

איינער: — אַזוי, ער קומט גאָרנישט?... (רוקט זיך צו נעענטער צום טיר.)

אַן אַנדערע: — (קאָקעטיש) אפשר... אפשר צירעלע, וועט ער זיין דער חתן? כי־כי!...

א י י נ ע ר: — אז דו וועסט זיין די כלה! (וויל איר ארומנעמען אויף שפאס.)

ז י: — (רוקט זיך עטוואס אפ) איך וועל נישט נעמען אן ארבעטער פאר א מאן...

ע ר: — און וועלכער ארבעטער וועט נעמען אזא טשערע־פאכע פאר א ווייב?... (געלעכטער. די יונגעליים ווינקען זיך דורך. איינער מאכט אויף די טיר און אלע גיבן מיט אמאל א שטופ אריין די מיידלאך. עס ווערט א קוויטשעריי און א געלעכטער. די יונגעליים שפרינגען ארונטער. די מיידלאך צעלויפן זיך מיט א געשריי און געלעכטער.)

א י י נ ע ר: — נטע האט אונז געזען. (נטע קומט ארוים מיט נאך צוויי יונגעליים.)

נ ט ע: — מן הסתם, איציקל ליטוואק'ס ארבעט... (אלע לאכן.) נו, וואס הערט זיך, חברים? וואס עפעס פלוצלונג? עפעס וויכטיקע נייעס געשעען?...

א י צ י ק ל ל י ט וו א ק: — פרעגט שוין גאר נישט, נטע. אט דאס גאנצע פארפוילטקייט, אט די אלע, וואס אן ארבעטער אין דער משפחה איז ביי זיי ווי גע'שמד'טער, אט די אלע, וואס לעבן פון מסחרים'לאך, פון געשעפטלאך „מיד ליד", די שמשים, גבאים, מלמדים —

נ ט ע: — (אין די רייד). נו, רעכן שוין ווייניקער אויס זייער יחוס, וואס איז געשעען?

א י צ י ק ל ל י ט וו א ק: — אט די אלע האבן איינ־געזעען, אז זייערע קרוינען שאקלען זיך...

נ ט ע: — רעד שוין א ווארט! נו, וואס איז?

א י צ י ק ל ל י ט וו א ק: — מען האט אונז צו וויסן געגעבן (קוקט זיך ארום) אז זיי — די ווערעם, מיין איך — האבן ביי זיך אפגעמאכט, אז ביי דער חופה, הייסט, וועלן זיי מאכן א געשלעג מיט די ארבעטער...

נ ט ע: — וואס ריידסטו?!

א י צ י ק ל: — יא.

נ ט ע: — נו?...

א י צ י ק ל: — נו, נו, ס'וועט שוין זיין פריילאך! (שמייכעלט.)

פ י ש ל: — מיר האבן שוין אפגערעדט מיט אלע ארבעטער, אכט און דרייסיק פארשוין.

נ ט ע: — (אין די רייד.) און זיי זיינען אפשר צוויי הונ־דערט!

א י צ י ק ל: — מיר זיינען מער ווי אכט און דרייסיק.

פ י ש ל: — אודאי מער. אכט און דרייסיק און דו און דו און דו. האבן מיר איין און פערציק... איך און ער און ער. האבן מיר פיר און פערציק... און דערינען געפינען זיך א צוועלף ארבעטער. האבן מיר זעקס און פופציק... דער חתן מיט זיין טאטן באשטייען פאר צען. האבן מיר זעקס און זעכציק... ר' זכריה —

א י צ י ק ל: — (העלפט ציילן) האבן מיר זיבן און זעציק.

פ י ש ל: — האבן מיר זיבן און זעציק. היינט ר' הערשעלע—

א י צ י ק ל: — זיבן און זעכציק מיט א האלבס.

פ י ש ל: — (זאגט נאך) האבן מיר זיבן און זעציק מיט א האלבס... (כאפט זיך) טפו זאלסטו ווערן, צלם־קאפ, וואס לאכסט דו?... (געלעכטער.)

נ ט ע: — נו, פונקט איצט איז טאקע די צייט צו וויצלען און צו קריגן זיך. וואו שטייען אונזערע?

א י צ י ק ל: — זיי זיינען גרייט אין אלע גאסן. מ'וועט דארפן געבן א פייף און אלע זיינען דא. (ערנסט) און צוריק־געשמועסט, זיינען זיי טאקע מער פאר אונז. אבער ווי זאגט דער צעדרייטער יחיאל: „שפענער!"... זיי האבן „שפענער" און מיר ה ע נ ט!...

נ ט ע: — עס טוט אודאי וויי ס'הארץ. פארט: דער נאר איז אונזערער... אייגענע ברידער... אבער א בלאטער, מעג זיין אן אייגענער, מוז מען אויפהאקן... עס איז נאך גוט וואס מיר זיינען באצייטענס געוואר געווארן. איך וועל דא איבעררעדן מיט די אונזעריקע. מען דארף זיך צוגרייטן. (עס לויפן דורך טונקעלע פיגורן.)

א י צ י ק ל: — דאס זיינען זייערע. אונזערע האבן ער־לאכע געוויסנס. גנב'ענען זיך נישט דורך, גייען שטאלץ... צום ווידערזעען.

א ל ע: — צום ווידערזעען. (ערשטע דריי אפ.)

נ ט ע: — עס שטעלט זיך א נאכט —

ד י א י ב ע ר י ק ע: — א, וועט דאס זיין א נאכט!

(לאזן זיך צוריק צום שטוב. אויפ'ן גאניק קומט זיי דאבע אנט־קייגן, ברעכט די הענט, קוקט זיך ארום.)

ד אַ ב ע: — ווי איז מיר. די מחותנים זיינען נאָך אַלץ נישט געקומען. אפשר, חלילה, אַז אומגליק? (עס הערט זיך אַ סקריפּען פון אַ וואָגן.)

נ ט ע: — (שפּרינגט אַרונטער פון די טרעפּלאַך, קוקט אין דער זייטיקער גאַס.) כ'וואָלט געמעגט שווערן, אַז דאָס קומען זיי טאַקע, די מחותנים. (דאַבע לויפט גיך אַרונטער די טרעפּ. עס הערט זיך אַ הויך ריידן.)

ש ט י מ ע ן: — נו, בע־בע־בע, האָט מען זיי צעבוויקערט!... געמיינט זיי האָבן אַנגעטראָפן מלופים־קינדער!... בע־בע־בע!... (געלעכטער פון עטלאַבע.)

ד אַ ב ע: — דער חתן! די מחותנים! זיי זיינען געקומען. גאָט צו דאַנקען! זכריה! כלי־זמרים! מזל־טוב! (ווייסט נישט וואָס צו טאָן פאַר פריידן, פיל מענטשן קומען אַרויס, כלי־זמרים שפּילן.)

ר' ז כ ר י ה: — מזל־טוב, דאַבע! מזל־טוב... וואָס שטייסטו, דאַבע, קום, מיר'ן אַנטקייגן גיין די מחותנים. (ביידע אָפּ, אַ סך נאָך זיי אויך די כלי־זמרים.)

ר' ה ע ר ש ע ל ע: — (שכור'לאַך, באַווייזט זיך אויפ'ן גאַניקל.) מזל־טוב!... מזל — צום־צום־צום ביישפּיל, מזל־טוב... שטאַרקער רודערט כלי־זמרים... שטאַרקער!... אַט אַזוי... האָפּ־טשאַ, האָפּטשאַ... האָפּטשאַ, האָפּטשאַ... (טאַנצט, די פירן מיט די מחותנים קומען נענטער.)

ש מ ו א ל: — שכור, מאַכט אַ צייכן עס זאָל ווערן שטיל, עס ווערט שטיל.) אַ שטיקאַווע זאַך... גוים זיינען אונז באַפאַלן אין מיטן וואַלד, געהייסן אונז צוריקפאָרן, אַ ניט וועלן זיי שלאָגן... בע־בע־בע!... אַבאַ! — האָב איך געגעבן אַ געשריי — גלייך אין די ציינער!... נישט געהאַט קיין צייט אפילו צו פאַרקאַטשען די אַרבעל. בע־בע־בע!...

א ב א: — איי, האָב איך געשלאָגן, המ־ם... געשלאָגן מכות־רצח!... זאָלן זיי וויסן, אַז נישט אַלע אידן האָבן מורא!...

ש מ ו א ל: — זיי האָבן געמיינט, זיי האָבן אַנגעטראָפן עפּעס אידישע סוחרים'לאַך... מלופים־קינדער... בע־בע־בע! אַ טשיקאַווע זאַך!... אַבאַ! — האָב איך געגעבן אַ געשריי — גלייך אין די ציינער!... בע־בע־בע!

ר' ה ע ר ש ע ל ע: — (שטופּט זיך) צום ביישפּיל...

ד ב ו ר ה: — די פּויערים האָבן זיך געהאַלטן אין איין

צלמ'ען און נישט אויפגעהערט צו שעלטן איינעם עפּעס אַ ת — ת —

ש מ ו א ל: — איינעם אַ תנחום.

א י י נ י ק ע: — תנחום?...

ש מ ו א ל: — האָב איך געגעבן אַ געשריי: אבאַ! גלייך אין די ציינער! בע־בע־בע!... אַ טשיקאַווע זאַך!...

ד ב ו ר ה: — יאָ, תנחום. האָבן זיי אים געשאָלטן, אַז אַ דריטל זאָל אים אָנגיין. אַ איד מן הסתם, זייערער אַ שותּף. פאַרברענט זאָל ער ווערן!

ר' ז כ ר י ה: — (צו זיך) געהייסן זיי צוריקפאָרן... תנחום... המ־ם... ס'ליגט זיך אויפ'ן שכל.

ר' ה ע ר ש ע ל ע: — אַזוי. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט איר דערלאַנגט אין די ציינער אריין. גוט. גוט!

ש מ ו א ל: — הערט איר דאָך, אַ טשיקאַווע זאַך... אבאַ! — גיב איך אַ געשריי — גלייך אין די ציינער! בע־בע־בע...

ר' ה ע ר ש ע ל ע: — גוט אַזוי... אַזוי דאַרף עס זיין... אבאַ! גלייך אין די ציינער... בע־בע־בע... צום ביישפּיל... שלום עליכם דיר, מחותן, און דיר, מחותנת'טע, מזל טוב. שלום עליכם דיר, חתן, מזל טוב. דיין נאָמען איז אבאַ. דאָס איז טייטש פאָטער. זאָלסט זיין דער פאָטער פון אַ שטאַרקן אידישן דור. אמן.

א ל ע: — אמן!

ר' ה ע ר ש ע ל ע: — קום אַהער, גישע, מיין ווייב. קום אַהער, שעם דיך נישט, צום ביישפּיל! ווינש אָן די מחותנים...

ג י ש ע: — האָט זיך אָנגעזשלאָקעט, דער חסיד'אָק!... (גייט צו) מזל־טוב, מיט מזל זאָלט עץ לעבן.

מ ח ו ת נ י ם: — מזל־טוב! מזל־טוב!

ד אַ ב ע: — ס'ווערט שפּעט, מחותנים. חתן־כלה האָבן געפּאַסט.

ר' ז כ ר י ה: — נו, מיר'ן אריינגיין אין אַלקער דורכ־קוקן די כתובה און שטעלן די חופּה. כלי־זמרים! (כלי־זמרים שפּילן. מען פירט אריין דעם חתן דורך אַן אַנדער טיר. אַנדערע גייען אין חתן'ס צימער. אַנדערע צוריק צו דער כלה. די פורן פאַרן אַוועק. לוי יצחק און דער רב בלייבן).

ר ב: — איך בין קעגן דעם. נישט באַדאַרפט אַזוי באַ־שליסן... אידן צווישן זיך, זיך שלאָגן... עד . דאָס איז גוי'איש.

ניִשט אידיש... אַ חילול השם... אידן מיט אידן... עד!..

ל ו י י צ ח ק: — אַזוי האָט קהל באַשלאָסן...

ר ב: — און איך?! וואו בין איך?! האָט איר ניִשט קיין רב אין שטאָט?!

ל ו י ־ י צ ח ק: — מען האָט געוואוסט, אַז איר, רבי, וועט ניִשט באַשטיין אויף דעם... מען קען דאָך שוין ניִשט אויסהאַלטן פון די פושעי־ישראלים. זיי וועלן חלילה דאָס גאַנצע אידישע פאָלק אַראָפּפירען פון גלייכן וועג...

ר ב: — אָבער מיך האָט מען באַדאַרפט פרעגן!... דאָס איז אַ חילול השם. אידן מיט אידן... המ־ם...

ל ו י י צ ח ק: — אַזוי, רבי, האָט קהל באַשלאָסן...

ר ב: — (בייז) קהל, קהל... (לאָזט זיך צום חתן׳ס אַלקער. לוי יצחק יאָגט אים נאָך.)

ל ו י י צ ח ק: — רבי, ווי גאָט איז אייך ליב, זאָגט דער־פון קיינעם ניִשט. אַז זיי וועלן געוואָר ווערן, וועלן זיי זיך צוגרייטן און ס׳וועט זיין אַ גרויס געשלעג... (דער רב גייט אַריין אין חתן׳ס צימער. לוי־יצחק קוקט אַריין דורכ׳ן פענסטער. באַ־רואיקט זיך.) דער רב שווייגט... הע... ער האָט ניִשט אויס־געזאָגט... (גייט אַוועק פון פענסטער) נו, זאָל מען נאָר שטעלן די חופה וועלן מיר זיי געבן אַרבעטער... אַרבעטער. כי־כי... אַרבעטער. פושעי־ישראלים, אפּיקורסים!... (גייט אַריין אין חתן׳ס צימער. עס קומען זיך צונויף נייגעריקע מענשן: מענער, פרויען, קינדער, יונג און אַלט. מען שטעלט זיך ארום דער שול. אַנדערע קריכן אַרויף אויף באַלקענס, אויף די ווענט, אויפ׳ן דאַך. מען וואַרפט זיך דורך מיט ווערטער: „יאָ, יאָ, געקומען", „גוים באַפאַלן אין וואַלד", „ס׳עט באַלד זיין די חופה", „האַלט זיך אָן, ליובעלע". „וואו ביסטו, גיטעלע?", „אַהער קום, סאָסעל, געשווינט, פון דאַנען וועט מען אַלעס קענען זעען!" פון שטוב הערט זיך אַ ברעכן פון טעלער און אַ „מזל־טוב, מזל טוב, צו דער חופה!"... „חופה"... „אונטערפירעס!" „ר׳ הערשעלע, וואו זענט איר?" „נעמט דעם חתן..." „גישע, אונטערפירערין נעמט די כלה!"... „כלי זמרים, כלי־זמרים, שפּילן!" „פּאַוואָליע, גיט אַכטונג אויף די ליכט!"... נטע מיט נאָך איינִיקע לויפן אַריין אין שול, ברענגען אַרויס די חופה און שטעלן זי אויף. עס לויפן זיך אָן אַ סך מענשן. מען פירט אַרויס דעם חתן. „מאַכט אַ וואַרע! מאַכט אַ וואַרע!" דער חזן הייבט אָן זאָגן.)

א י י נ ע ר: — (פון עולם) קען ער מאכן א ברכה?!... (עס ווערט אַ טומל).

אַ צ ו ו י י ט ע ר: — דאָס גלעזל וועט ער זיכער צעברעכן מיט'ן ערשטן זעץ!...

אַ ד ר י ט ע ר: — זעט אוים צו זיין אַ געזונטער גוי'עץ... (געלעכטער. מען פירט ארוים די כלה.)

א י י נ ע ר: — וואָס שטייט איר, אידן?!... (דער טומל ווערט גרעסער.)

אַ צ ו ו י י ט ע ר: — דערלאַנגט זיי, די ארבעטער, די פושעי־ישראלים! אפיקורסים!... (געטומל. מען כאַפּט צו די חופה, די כלה חלש'ט, מען טראָגט איר אַוועק. עס ווערט אַ געשלעג. מען הערט אַ שניידנדן פייף און אַ געשריי: „ברידער!" עס לויפן אָן ארבעטער פון פאַרשידענע זייטן. דער געשלעג ווערט גרעסער.)

ר' ה ע ר ש ע ל ע: — (לויפט ארום דאָ און דאָרט צעטראָגן. די קאַפּאָטע האַלב אָפּגעריסן. דאָס היטל אָן אַ זייט. שרייט) גיט זיי, ברידער!... דערלאַנגט זיי! נישט איר, ארבעטער, זיינט פושעי־ישראלים, נאַר זיי, זיי! (כאַפּט אָן איינעם און פאַטשט) נאַ! נאַ!... צום ביישפּיל...

ר' ז כ ר י ה: — אַזוי, אַזוי... שניידט אוים די מכה פונ'ם גוף... שנייד, אבא, שנייד! (זכריה'ם הויז ווערט רויט.)

ל ו י י צ ח ק: — (לאַכט) כע־כע־כע... ר' זכריה'לע דיין, דיין הויז ברענט! (איניקע לויפן לעשן.)

אַ ל ט ע ר: — אויך דיין הויז ברענט, לוי יצחק... דעם רב'ם הויז, אייער גאַנצער פאַרפוילטער בנין ברענט!... (עס ווערט ליכטיק אין אלע זייטן. מען שרייט. מען לויפט. דאָס געשלעג גייט אָן.)

ל ו י י צ ח ק: — (וואַרפט זיך אויף אים) דו אונטערצינ־דער! אפיקורס! (שלאָגן זיך.)

ד אָ ב ע: — (שלעפּט ר' זכריה'ן) זכריה, אונזער הויז ברענט!...

ז כ ר י ה: — (שטופּט איר אָפּ) גיי אַוועק פון דאַנען, אי־דענע וואָס דו ביסט! וואָס זאָל איך ראַטעווען פריער: מיין הויז, צי ס'גאַנצע אידישע פאָלק?!... (עס לויפט דורך איינער מיט אַ קאַן וואַסער, צו דאָבען;)

א י י נ ע ר: — אָפּגעלאָשן! (פאַרשווינדט. דאָס געשלעג שטאַרקט זיך. עס קומען אַלע מאָל צו נייע מענשן פון ביידע זייטן. ר׳ זכריה׳ן פאַלט אַ שטיין אין קאָפּ. פאַלט.)

ר׳ ה ע ר ש ע ל ע: — ווי איז מיר, זכריה! זכריה! מען האָט אים, צום ביישפּיל, דער׳הרג׳עט! ברידער... מענשן...

ד אָ ב ע: — (לויפט צו) מיין מאַן! מיין מאַן! מען האָט דער׳הרג׳עט מיין מאַן! זכריה! זכריה! וואַסער! וואַסער! (מען טראָגט אויך ר׳ זכריה׳ן אָן אַ זייט. איינער ברענגט אַ קאַן וואַסער.)

ב ר כ ה ׳ ל ע: — (פאַלט צו) טאַטעשי! טאַטעשי!

ר׳ ז כ ר י ה: — (פאַרבלוטיקט) ס׳איז מיר גאָרנישט... גאָרנישט... בלויז דער שטערן אַביסל צעגראַטשעט... ס׳וועט מיר גאָרנישט זיין... לאָזט, פאַרשטעלט מיר נישט, לאָזט מיך זעען ווי ס׳אידישע פאָלק לעבט אויף...

ד אָ ב ע: — ווי איז מיר! ר׳איז אינגאַנצן פאַרבלוטיקט... (וויקלט אים ארום דעם שטערן מיט אַ נאָס האַנטוך.)

ב ר כ ה ׳ ל ע: — טאַטעשי! טאַטעשי! (וויינט.)

ר׳ ז כ ר י ה: — לאָזט, פאַרשטעלט מיר נישט... ווי האַלט עס, ר׳ הערשעלע... (דאָס געשלעג ווערט אָפּגעשוואַכט. די פרומע הייבן אָן אַנטלויפן. די אַרבעטער יאָגן זיי נאָך. דאָס פייער בור־שעוועט נאָך אַלץ אין שטאָט. די קלויסטערס קלינגן די גאַנצע צייט).

ר׳ ה ע ר ש ע ל ע: — (קוקט) כ׳זע, ווי די אונזעריקע באַזיגן...

ר׳ ז כ ר י ה: — און איך, ר׳ הערשעלע, זע אַ געשטאַלט אָן אַ גוף אַ נשמה פלאַטערט דאָרט און פירט אָן ס׳געשלעג...

ר׳ ה ע ר ש ע ל ע: — וואַ־וואָס, וואָס רעדסטו?!

ר׳ ז כ ר י ה: — יאָ. און דאָס געשטאַלט... דאָס... אַזוי קענטלאַד... אַזוי ענלאַד צום... צום מגיד׳ס... דער מגיד וואָס איז געקומען צו אונז, ווער ווייסט פון וואַנען און איז אַוועק, ווער ווייסט וואו אהין...

ד י א ר ו מ י ק ע: — ווער קען עס זיין?! — — — —

ר׳ ז כ ר י ה: — (הויבט די אַקסעל. פאַרטראַכט. מען נעמט אים אונטער די הענט און מען פירט אים צום הויז.) ווער קען ער טאַקע זיין?!... (יחיאל קומט אָן.)

י חִ י אֵ ל: — מָשיח דאַרף שוין זיין... (קוקט אויפ׳ן הימל,

אַלע קוקן זיך איבער.) כע־כע... ווי עס פלאַקערן די הימלען פאַר זיין כבוד וועגן... כ'וועל דאַ וואַרטן. מן הסתם וועט אויך באַלד גאָט אַרונטערקומען... (בייז צום הימל) כ'וויל נישט קיין שפּע־נער! כ'וויל האָבן הענט!... הענט!... הענט!...

ר' זכריה: — (שאָקלט צופרידן מיט'ן קאָפּ) מיר וועלן זיי שוין האָבן, יחיאל. מיר וועלן!... (מען פירט אים אַרויף די טרעפּלאַך.) מיט גאָט'ס הילף, מיר וועלן...

(פאָרהאַנג)